YIDDISH BOOK CENTER NEWSPAPERS COLLECTION
NUMBER KC5780-185mfv09i33

GERECHTIGKEIT (YIDDISH JUSTICE)

Volume 9 Issue 33
August 1927

THE KHEEL CENTER FOR LABOR-MANAGEMENT
DOCUMENTATION AND ARCHIVES
CORNELL UNIVERSITY LIBRARY

YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

This collection was made possible with the support of
Abby Joseph Cohen and David M. Cohen.

Gerechtigkeit (Vol. 9, Iss. 33)

Keywords

International Ladies' Garment Workers' Union, ILGWU, Gerechtigkeit, labor unions, clothing workers, textile workers, garment workers, garment industry, New York, United States, Yiddish, Jewish

Comments

Justice was the official publication of the International Ladies' Garment Workers' Union ILGWU from 1919 to 1995. Editions of *Justice* were published in English, Italian, Spanish, and Yiddish. When compared side by side, the content of some of these different editions of *Justice* shows significant differences. *Gerechtigkeit* was the Yiddish-language edition of *Justice*.

This article is available at DigitalCommons@ILR: https://digitalcommons.ilr.cornell.edu/gerechtigkeit/425

GERECHTIGKEIT—(JUSTICE)

בצדקתי החזקתי ולא ארפה. (איוב, כ"ז, ו.)

אן מיין גערעכטיגקייט האַלט איך זיך שטאַרק, און וועל איהר ניט אָבלאָזען.

גערעכטיגקייט

אַרבייטער פון אַלע לענדער, פאַראייניגט אייך, און די וועלט וועט זיין אייערע

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט װארקערס יוניאן

Vol. IX. No. 33 | Friday, August 19, 1927 | פרייטאָג, 19טער אויגוסט, 1927 | PRICE 3 CENTS

55 קלאוק און דרעס שעפער שוין ארגאניזירט אין די ערשטע צוויי וואכען פון יוניאן קאמפיין

דער קאמף געגען די סקעב שעפער ווערט שטאַרקער פון טאָג צו טאָג. — 36 שעפער זיינען נאָך אין סטרייק, און פילע נייע שעפער וועלען אַרונטערגענומען ווערען. — דזש. מענעדזשער האַכמאַן אַפּעלירט צו אַלע יוניאָן לייט צו העלפען פאַרטרייבען די סקעב-נעסטען פון דער קלאָוק אינדוסטריע.

דער אַקטיווער „דרייוו" אין די ניט יוניאָן שעפער פון דער קלאָוק און דרעס אינדוסטריע אין משך פון די לעצטע צוויי וואָכען האָט שוין געבראַכט זעהר ווינשענסווערטע רעזולטאַטען. אין דיזער קורצער צייט זיינען יוניאָניזירט געוואָרען 56 שעפער.

וויס-פּרעזידענט דזשוליוס האַכמאַן, דער גענעראַל-מענעדזשער פון דזשאָינט באָאַרד, האָט אויסגעדריקט זיין גרויסע צופרידענהייט איבער די בידאַיצטיגע רעזולטאַטען פון דרייוו. ער זאָגט, אַז אין די שעפער, וואו מען האָט ביז איצט געאַרבייט אונטער ניט-יוניאָן קאָנדי-שאָנס, וועלען מוזען איינגעפיהרט ווע-רען יוניאָן-סטאַנדאַרדס אין בעצוג צו די אַרבייטס-שעה'ן, ווייזשעס, אָווער-טיים, ווי אויך צו אַלע אַנדערע יוניאָן אָרגאַנבערונגען, פאַר וועלכע די יוניאָן האָט יאָהרען-לאַנג אַנגעפיהרט אַ שווע-רען קאַמף. אונטער דער הערשאַפט פון די קאָמוניסטען אין דער יוניאָן, האָבען זיך די סקעב-שעפער פאַנאַנדערגעבליט אין דער קלאָוק- און דרעס-אינדוסטריע, אַזוי אַרום, אַז 25 פּראָצענט פון אַלע יוניאָן-שעפער זיינען אונטער זייער פי-רונג פאַרסקעבט געוואָרען, און אַרום אַ פערטעל פון דער גאַנצער אינדוסטריע געפינט זיך אין ניט-יוניאָן שעפער. אַט דיזע צאָל מוז אונטער אַלע אומשטענ-

דען צוריק יוניאָניזירט ווערען דיזען סעזאָן.

36 שעפער, האָט ברודער האַכמאַן ערקלערט, זיינען נאָך אין סטרייק, און ווייטערע סטרייקס וועלען אַרויסגערופען ווערען. די אָרגאַניזאַציע איז אַנטשלאָ-סען צוריקצובערענגען די אינדוסטריע צו אַ 100-פּראָצענטיגען צושטאַנד. דער איצטיגער ענערגישער קאַמפּיין וועט גע-

(שלוס אויף זייט 12)

סעטעלמענט און קאנטראל קאמיטע פאר די ארונטערגענומענע שעפער

ארגאניזאציאנס דעפּאַרטמענט שאַפט אַ ספּעציעלע סעטעלמענט קאָמיטע און אַ שבת-קאָמיטע פון הונדערטע מעמבערס צו קאָנטראָלירען די שעפּער.— ניט-יוניאָן שעפער מיט קאָמוניסטישע סקעבס ווערען טעגליך אַראָפּגע-נומען. — ברודער בען קאַפּלאַן, טשערמאַן פון דזשאָינט באָאַרד איז נייער טשערמאַן פון דער אָרגאַניזאַציאָנס קאָמיטע. ברודער ל. פינקאָווסקי מענעדזשער פון לאָקאַל 23, איז טשערמאַן פון דער סעטעלמענט קאָמיטע.

מיט דעם אָנפאַנג פון אַרבייט אין די שעפער, איז די אָרגאַניזאַציאָנס קאָמיטע דיזע וואָך צוגעטראָטען צו אַ פאַרשטאַרק-טער טעטיגקייט אין די ניט יוניאָן שע-פער אין ניו יאָרקער קלאָוק און דרעס טרייד.

פאַרשידענע צאָהלרייכע קאָמיטעס באַזוכען די ניט יוניאָן שעפער און נעה-מען אַראָפּ די אַרבייטער ברענגענדיג זיי אין די יוניאָן. די אַרבייט איז אַ שווערע, ווייל די קאָמוניסטישע סקעב אײדזשענסי שיצט די אַלע עלעמענטען אויס העסליכער נקמה צו דער יוניאָן. די קאָמיטעס אָבער אַרבייטען מיט ערפאָלג, טראָץ אַלע קאָמו-ניסטישע שטערונגען, אין די סקעב שע-פער. צוליב אַט דער פאַרשטאַרקטער טע-טיגקייט האָט די יוניאָן אויך געמוזט שאַ-פען אַ ספּעציעלע סעטעלמענט קאָמיטע מיט ברודער פינקאָווסקי אַלס אַנפיהרער. אַ דאַנק זיין יאָהרען-לאַנגער ערפאַהרונג וועט בר. פינקאָווסקי באַשטימט העלפען צו קריגען שנעלע און גוטע סעטעלמענטס.

דער אָרגאַניזאַציאָנס דעפּאַרטמענט האָט אויך געשאַפען אַ ספּעציעלע קאָמי-טע צו קאָנטראָלירען די שעפער אום שבת, דיזע קאָמיטעס האָבען די אויפגאַבע אויפצופאַסען, אַז די 5 טאָגיגע אַרבייטס וואָך זאָל שטרענג אָבגעהיט ווערען. לעצטען שבת איז די קאָמיטע צום ערשטען מאָל צוגעטראָטען צו איהר טעטיגקייט. 10 קאָמיטעס האָבען באַזוכט אַ גרויסע צאָהל יוניאָן שעפער און צום באַדויערען האָבען זיי אין מאַנכע שעפער געטראָפען יוניאָן לייט ביי דער אַרבייט. די אַרביי-טער זיינען אויף דעם פאַרלאַנג פון דער קאָמיטע גלייך אַרויס פון שאַפּ, און אַוועק אין דער יוניאָן.

די יוניאָן וועט שטאַרק באַשטראָפען פאַר אַרבייטען שבת. לאָקאַל 35 האָט אויך אַרויסגעשיקט אַ גרויסע קאָמיטע פון הע-כער 300 מעמבערס, וועלכע האָט באַזוכט יוניאָן און ניט יוניאָן שעפער. דיזע קאָ-

(שלוס אויף זייט 12)

די אַרבייטער וועלט האַלט נאָך אַלץ די אויגען אָנגע-שטרענגט אויף באָסטאָן

וואָס וועלען די קומענדע טעגליכע טע-ברענגען פאַר די צוויי אומגליקליכע אַר-בייטער מאַרטירער — סאַקאָ און וואַנזעטי — וואָס וועט דער סופרים קאָורט פון מאַססאַטשוזעטס זאָגען?

די גאַנצע אַרבייטענדע וועלט, די פּריוו-הייטס-ליבענדע און עהרליכע געזעלשאַפט-ליכע מיינונג פון יעדען ציוויליזירטען לאַנד, וואַרט, מיט פאַרכאַפּטען אָטעם, אויף דעם ענדליכען שלוס-וואָרט וואָס די פיר ריכטער דאַרפען איצט אַרויסזאָגען בנוגע דעם פינאַל פון דער האַרץ-דרייסענדע דראַ-מאַ, וואָס שלעפּט זיך איצט ביים אויסשפּי-לען אין די פינסטערע קאַמערלאַך פון דער טשאַרלסטאָן פּריזאָן אין באָסטאָן. וועט די טעכטיגע שטימע פון וועלט פּראָטעסט איבערוועגען דעם קלאַס און ראַסען האַס און פאָראורטייל וואָס האָט זיך אַזוי בולט אַרויסגעצייגט אין דעם גאַנצען פּראָצעדור-לונג פון דיזע צוויי אונשולדיגע אַרבייטער קרבנות?

מיר וועלען האָפען, גלויבען מיט די מיליאָנען אַנדערע פון זייערע פריינד און פאַרטיידיגער, אַז סאַקאָ און וואַנזעטי וועלען פון דיזען זיבען-יאָהרי-גען גיהנום פון פיין און מאַרטירעריי ענדליך דאָך באַפרייט ווערען, אַז די ריכ-טער וועלען זיי אַ נייעם טריאַל געבען צו איבערצייגען זייער אונשולד אונטער-מענשליכע, טאַגגעס און אומבאַאיינפלוסטע צושטענדע. לאָמיר האָפען אַז אין דיזע לעצטע טעג, וועלען די ריכטער ניט בכך איינפלוסט ווערען פון דעם היסטעריש-פאָ-ליטיקער-משוגעים וואָס ברענגען אַזוי אויף געהייערען שרעק צו דער פאַרטיידיגונג מיט ווילדע באַשבע-שליסטרונגען, שרעק-מיט בלאָטעריש אַרויפרופען פאַר בלוט-דורשטיגע סטרייקס, פאַר פּאָליטישע קליאַל-צוועקען.

מיר האָפען, גלויבען און וואַרטען.

גרויסארטיגע פארשטע-לונג פאר לייבאר דעי אין יוניטי הויז

א שעהנער קאנצערט דיזען שבת.

אויסערגעוועהנליכע פּאַרבאַרייטונגען ווערען געמאַכט פאַר דעם לייבאָר דעי „וויק ענד" אין דער יוניטי הויז, וואָס וועלען זיכער איבעררעשען אַלע באַזוכ-כער. עס ווערט צוגעגרייט אַ ספּעציעלע לייבאָר דעי פאַרשטעלונג „דער מיסטי-שער טרומייטער", פון דעם באַרימטען אַמעריקאַנישען פּאָעט וואָלט וויטמאַן. די פאַרשטעלונג ווערט איינגעפּיטירט אונטער דער דירעקציע פון דעם באַ-וואוסטען ענגלישען אַרטיסט און יוניטי ליבלינג, דזשיימס ע. פיליפּס. 60 פּערזאָן וועלען אַנטייל נעהמען אין אַ הערליכען מאַרש-פּאַראַד.

אויסער דזשיימס ע. פיליפּס וועלען זיך אין דער פאַרשטעלונג באַטייליגען רעי פּאָרטער מילער, רוט עני און פילע אַנדערע, וועמענס נעמען וועלען שפּע-טער פאַרעפענטליכט ווערען. עס ווערען שוין אָנגעהאַלטען פּראָבען, כדי די פאַרשטעלונג זאָל זיין אַן אַרטיסטישער ערפאָלג.

פאַר דיזען שבת איז אין יוניטי הויז אויך פאַרבאַרייטעט אַ שעהנער קאָנ-צערט-פּראָגראַם. צווישען די פילע באַ-קאַנטע אַרטיסטען געפינט זיך אויך לר-איס וואָלאַך און זיין זוהן הערבערט. וואָלאַך באַזיצט אַ שעהנעם טענאָר און וועט זינגען ענגלישע, אידישע, איטאַ-ליענישע און רוסישע לידער. זיין זון הערבערט איז אַ טאַלאַנטפולער וויאָלי-ניסט. די וואָלאַכס זיינען באַקאַנטע ראַדיאָ-אַרטיסטען. אַ סך אַנדערע טאַ-לאַנטפולע אַרטיסטען וועלען זיך באַ-טייליגען אין דעם זעהר אינ-טערעסאַנטען פּראָגראַם.

פרעז. זיגמאן אינסטאלירט ניי-ערוויילטע דזשאינט באארד אין שיקאגא

נייע דזשאָינט באָאַרד נעמט איבער דעם יוניאָן אָפיס. — קאָמוניסטישע „רעוואָלוציאָנערען" רופען פּאָליציאישע הילף געגען אינטערנעשאָנאַל.— דער רעאַקציאָנערער באַלעבאַטישער „קוריער" אין דינסט פון די קאָמו-ניסטען. — לאָקאַל 5, אָפּערייטאָרס, דריקט אויס פּראָטעסט צו דער אינטערנעשאָנאַל און לאָזען ניט ריידען דעם קאָמוניסטישען מענעדזשער.

נאָך ניו יאָרק — שיקאַגאָ! עס האָט זיך ווידער אַרויסגעוויזען, אַז ניו יאָרק, די גרעסטע שטאָדט פון אידישער אַרבייט, איז אַ ביישפּיל פאַר פילע אַנדערע שטעדט, וואו עס געפינען זיך אידישע אַרבייטער. ווען עס האָט אין ניו יאָרק מיט צוויי יאָהר צוריק נעבור-שוועט די ליגקע מגפה, און פילע יוניאָן מיטגלידער האָבען זיך געלאָזט באַאיינ-פלוסען פון קאָמוניסטישע דעמאַגאָגען, האָט שיקאַגאָ אַ סך געליטען דורך דעם דעמאָלדיגען ניו יאָרקער איינפלוס, און די קאָמוניסטען איז דעמאָלט געלונגען

(שלוס אויף זייט 2)

אינהאלט פארצייכניס

„גערעכטיגקייט", נומער 33

זייט 2. נייעס.
זייט 3. דזשאָינט באָאַרד באַריכט.
זייט 4. דער דזשאָינט באָאַרד קאַמף מיט לעבען — פ. קראַקאָווסקי. נייעס אין לאָקאַל 3 — ד. רובין.
זייט 5. דינסטאָג — דער 9טער אויגוסט — פ. קורינסקי. יוניטי הויז נאָטיצען — י. מ. ל.
זייט 6. עדיטאָריעלס.
זייט 7. צווישען אייגענע — ה. לאַנג. פאַר-ברענט די קאַפּעטע (שאָו בילד) — אב. קאַרלין.
זייט 8. אַן אַרבייטער פּייד אינשורענס געזעלשאַפט — דר. הערמאַן פראַנק. ביי די פּרעסערס, לאָקאַל 35 — י. וואַסי-לעווסקי.
זייט 9. רעפּאָרט פון דזש. עקז. ב. קאָמיטע וועגען שיקאַגאָ (שלוס). פעליקס פּערל — פ. העלין.
זייט 10. שלוסען, אַדוו.
זייט 11—12. נייעס, שלוסען, אַדוו.

פארכאפטע פארניטשור פון דער דזשאינט באארד געפונען אין קאמוניסטישע סעלערס

קאָמוניסטען באַהאַלטען די גנבה אין די סעלערס פון די קאָאָפּעראַטיווע הייזער. — אינטערנעשאָנאַל געפינט די שעהנע יוניאָן פאַרניטשור ליגען אין וואַסער. — קאָמוניסטישער מענעדזשער אַרעסטירט פאַר שטערען צוריקנעמען יוניאָן אייגענטום. — יוניאָן פאַרניטשור פון לאָקאַל 2 און 9 אַרויסגענומען פון קאָמוניסטישער סקעב אײדזשענסי.

ווען די קאָמוניסטען האָבען פאַרלאָזען די דזשאָינט באָאַרד בילדינג, האָבען זיי נישט בלויז רואינירט און צובראָכען די בילדינג, נאָר זיי האָבען פשוט אַרויסגע-גנב'עט די פאַרניטשור פון אַלע אָפיסעס, און עס אַרעץ באַגראָבען אין די נאַסע סעלערען פון זייערע קאָאָפּעראַטיווע הייזער אין די בראָנקס.

די שווערע פראַצע פון טויזענטער קלאָוקמאַכער האָט אַזוי געפוילט וואַכענ-לאַנג אין די וואַסערדיגע סעלערס. די שעהנע יוניאָן פאַרניטשור איז געלעגען און געפוילט, ווייל קיינער האָט מסתמא נישט געוואָלט קויפען די גנבות. דער דזשאָינט באָאַרד האָט אָבער נישט גע-

(שלוס אויף זייט 2)

קאמוניסטען ניבען אפיציעל צו אז דער קלאוקמאכער סטרייק איז ארויסגערופען געווארען אויף דעם באפעהל פון מאסקווע

בייזערען זיך אויף די אמעריקאנער ליטענאנטען פארוואס זיי האבען ניט גענוג שטארק אטאקירט פרעזידענט זיגמאן אין אנהויב פון סטרייק. — אנערקענען אז דער פארזוך צו פארכאפען די יוניאנס אין דינסט פון דער פארטיי איז א פאלשטענדיגער דורכפאל.

די דעקלאראציע פון דער פאליטישער קאמיטע פון דער ווארקערס פארטי, וואס איז אנגענומען געווארען פון'ם עקזעקוטיוו קאמיטעט פון דעם קאמוניסטישען אינטערנאציאנאל, וואס איז פארעפענטליכט געווארן אין דער „פריי־הייט" פון 3טען אויגוסט, באשטעטיגט די קלאגען וואס יוניאן באאמטע האבען געמאכט געגען די קאמוניסטען, אז דער קלאוקמאכער סטרייק, וואס די קאמוניסטען האבען ארויסגערופען אין 1926 אין ניו יארק, אזוי גוט ווי אנדערע סטרייקס אין אנדערע יוניאנס, זיינען געפאדערט און אנגעפירט געווארען פון דעם קאמוניסטישען אינטערנאציאנאל אין מאסקווע.

פרעזידענט מאריס זיגמאן האט וועגען דער פראגע געמאכט אן ערקלערונג, דאס די דעקלאראציע און דער באשלוס פון'ם קאמינטערן פון דער עקזעקוטיוו קאמיטע פון מאסקווער אינטערנאציאנאל דעקט אויף דעם גאנצען „סמאוק־סקרין", וואס די דיסקרעדיטירטע און ארויסגעווארפענע קאמוניסטען האבען ארום זיך אוועקגעשטעלט, כדי מען זאל ניט קאנען דערזעהן אז זיי זיינען ניט מעהר ווי ליאלקעס, ווי שפיל־געצייג אין די הענט פון א הדויסענדיגער פאליטישער קליקע, וועלכע האט פאר קיין פאל ניט אין זינען געהאט די אינטערעסען פון די 40 טויזענט ארבייטער, נאר האט אין זינען געהאט איין זאך, און דאס איז צו געווינען מאכט פאר איהר פאליטישער פארטיי.

אין דער דעקלאראציע פון דער אמעריקאנער סאב קאמישאן פון פרעזידיום פון קאמוניסטישען אינטערנאציאנאל, בנוגע די פראגע ווי אזוי די פארטיי זאל פארכאפען די יוניאנס און קאנטראלירען זיי, ווערען די קאמוניסטישע ליי־טענאנטען, זימערמאן און ראוו און ווארטעס, שארף קריטיקירט פארוואס זיי האבען ניט גענוג שטארק אטאקירט פרעזידענט זיגמאן און אנדערע ניט קאמוניסטען אין אנהויב פון סטרייק. צווישען אנדערעס ווערט אזוי געזאגט:

„כדי מ י ר זאלען קענען מעהר ערפאלגרייך אנפיהרען אונזער ארבייט אין די טרייד־יוניאנס — זאגט דער קאמוניסטישער אינטערנאציאנאל — און כדי מ י ר זאלען קענען געווינען פאר דער פארטיי א פיהרענדע ראלע אין דער דאזיגער ארבייט, מוז די פארטיי זיך ערנסט פארטראכטען וועגען א רייהע אפנייגונגען, וואס זיינען לעצטענס געמאכט געווארען. אנפיהרענדע חברים אין די נידעל־טריידס, ווארטיס, זימערמאן און אנדערע האבען עטליכע מאל געמאכט רעכטע אפנייגונגען, וואס האבען געשטערט דער פארטיי דורכפיהרען איהרע פאליסיס, וואס זיינען אויסגעארביים געווארען צו פארשטארקען די קאמפען פון די ארבייטער. דאס האט ניט דערלאזט צו ענטוויקלען גענוג קלארע און ענטשיידענדע פיהרערשאפט אין די מאסען־קאמפען פון די ארבייטער. די קאמפאניע פאר דער אמאלגאמירונג פון די עקזיסטירענדע ארגאניזאציעס איז ניט געווען גענוג ענערגיש, און דאס ווייזט אן, אז עס האט עקזיסטירט א נייגונג צו פאך־יוניאניזם אין דער באציהונג צו די דאזיגע ארגאניזאציאנעלע פראגען. זיי האבען ניט אנגעפירט קיין גענוג שארפע קאמפען געגען די רעאקציאנערע ביוראקראטען, ספעציעל אין דער צייט פון דעם סטרייק. אין עטליכע פאלען האבען זיי ניט דורכגעפיהרט די פארטיי באשליסע. די פארטיי מוז אין דער צוקונפט נאך מעהר באקעמפען אזעלכע אפנייגונגען און באווארנען, אז די דאזיגע חברים זאלען זיך האלטען ביי א ריכטיגער קאמוניסטישער ליניע".

אין אנדערע טיילען פון דער דעקלאראציע ווערט אנגעזאגט אז לאקאלע סעקציעס פון דער פארטיי זאלען גלייך אויפגעבויט ווערען און ארייננעמען (דאס הייסט ארייננארען) פראגרעסיווע עלעמענטען, כדי אנצופירען א קאמף געגען די יוניאן ביוראקראטען. אויך ווערט געדערט פון א פאליטישער קאמיטע פון דער קאמוניסטישער פארטיי צו פרעדיגען אמאלגאמיישאן צווישען די קלאוקמאכער און די פאריערס יוניאנס. אויך צו פארבינדען זיך מיט די פראגרעסיווע אין די מיינערס יוניאנס און די טעקסטיל יוניאנס, כדי אנצופירען א קאמף געגען די א. פ. אוו ל.

דער דאקומענט פאדערט אויף צו שטיצען וויליאם ז. פאסטערס טרייד־יוניאן עדיוקיישאנעל ליג. און ריידענדיג אזוי דערערדט זיך דער מחבר פון דעם דאקומענט וועגען זייער נידערלאגע וואס זיי האבען געהאט. אינדירעקט גיבען זיי צו, אז אין אלע יוניאנס האבען זיי געליטען נידערלאגעס, און ווידערהאלען אלעמאל דעמזעלבען פזמון, צוזאגרייטען זיך פאר א קאמף געגען די פיהרענדע עלעמענטען אין די יוניאנס.

אז די אויטאריטעטען פון מאסאטשוזעטס און די פעדעראלע געריכטען ווילען ניט וואגען צו פארניכטען דעם סענטימענט פון די מיליאנען ארבייטער, וועלכע האבען א פאלשטענדיגע איבערציינונג אז דיזע מענשען זיינען אומשולדיג. דערפאר רופט די ארבייטער באוועגונג אין דעם טאג די ארבייטער צו פראטעסטירען און לאזען הערען זייער שטימע הויך און שטארק געגען דער אונגערעכטיגקייט, וואס מאסאטשוזעטס סטייט וויל באגעהן. עס איז אונזער האפנונג אז יענע אויטאריטעטען פון מאסאטשוזעטס וועלען ניט וואגען ניט צו רעכנען זיך מיט די געפיהלען פון די מענשען פון דער גאנצער וועלט, אז די צוויי מענשען זיינען אומשולדיג.

„מיר פאדערען אויף דריבער אונזערע מעמבערס פון גרייטער ניו יארק, אוועקצולייגען אייערע געצייג דינסטאג 10 אזייגער אין דער פריה, און געהן אין די האלס, וואו די סאקא־וואנזעטי קאמיטע, צוזאמען מיט פארשטעהער פון די טרייד־יוניאנס, וועלען אייך אדרעסירען.

„מיר פאדערען אויך אויף אלע אונזערע מיטגלידער פון אלע טיילען פון'ם גאנצען לאנד צו נעמען אנטייל אין די דעמאנסטראציעס, וואס די באנאפאיד טרייד יוניאן באוועגונג האט פאררופען אין די פארשידענע ערטער און שטעדט.

„סאקא און וואנזעטי מוזען לעבען. ארגאניזירטע ארבייט פאדערט זיי זאלען לעבען בלייבען. אויב זייערע לעבענס וועלען אוועקגערויבט ווערען, באווייזט עס אז פרייהייט איז ניט מעהר ווי א וויץ און קיין גערעכטיגקייט עקזיסטירט ניט דא אין לאנד.

„ס א ק א א ו ן ו ו א נ ז ע ט י מ ו ז ע ן ב ל י י ב ע ן ל ע ב ע ן!"

אין די צעהנדליגע טויזענדער האבען זיך איבעראל אפגערופען די אינטערנעשאנעל מיטגלידער און האבען געלאזט הערען זייער שטימע, האבען מיט קראפט און מוט פראטעסטירט געגען דער טראגעדיע וואס דער קאפיטאליסטישער שטאט וויל אויף איהר סטיידזש אויפפיהרען.

אויף די מיטינגען אין די פארשידענע האלס אין ניו יארק וואו אונזערע ארבייטער האבען זיך פארזאמעלט דינסטאג האבען גערעדט, צווישען פילע אנדערע רעדנער, די ברידער דזשוליוס האכמאן, לואידזשי אנטאניני, סאלוואטאר נינפא, אב. באראף, דוד דובינסקי, פ. דעמביצער, נארמאן טאמאס און דזשאדזש דזשייקאב פענקין.

לאקאל 82 מופט אין דזשאינט באורד בילדינג

בר. ראזענבלאט, דער סעקרעטאר פון עקזאמינערס־לאקאל 82, מעלדעט אונז, אז דיזער לאקאל האט איצט אריינגעמופט אויפ'ן 6טען פלאר פון דזשאינט באארד בילדינג, 130 איסט 25טע סטריט.

אלע עקזאמינערס זאלען דאס אין אכט נעהמען.

דער צייטונגס מאן פרעגט ביים פרייז־פייטער.

— וואסערע סיגארעטען סמוקסט דו?

— מיוראד, ענטפערט דער פרייז פייטער.

— ווארום עפעס מיוראד, פרעגט דער צייטונגס מאן.

— עס איז גארניטא עפעס בעסערעס, ווי א גוטער סיגארעטעל, נאכדעם ווי איך שלאג זיך דורך עטליכע „ראונדס", מיין פריינד. און ביי מיר א גוטער סיגארעט הייסט מיוראד. אזא אראמאט און אזא טעם ווי זיי האבען קען מען אין אן אנדער סיגארעט ניט געפינען.

ווייסט איהר, ווי עס האט זיך אנטוויקעלט די אידישע ארבייטער באוועגונג אין אמעריקא? לעזט די געשיכטע פון דער אינטערנעשאנעל ליידיס גארמענט ווארקערס יוניאן, פון דר. לואיס לעווין. און איהר וועט מיט אלץ באקאנט ווערען.

גרויסע מאסען אינטערנעשאנאל מיטגלידער אינ'ם סאקא־וואנזעטי פראטעסט סטרייק

(שלוס פון זייט 1)

צווישען די פראטעסטען און פארשידענע סטייטמענטס פון פראמינענטע פערזאנען און פיהרער פון די טרייד־יוניאנס איבער דעם גאנצען לאנד, איז אויך פאראן א מוטיגע ארויסטרעטונג און דערקלערונג פון פרעזידענט זיגמאן פון דער אינטערנעשאנעל. פרעזידענט זיגמאן האט אין נאמען פון דער אינטערנעשאנעל, אין נאמען פון 100 טויזענט מעמבערס, געמאכט אן ערקלערונג, אז די הינריכטונג פון סאקא און וואנזעטי וועט בלויז זיין אן איבער'חזר'ונג פון דער בארימטער העי־מארקעט טראגעדיע פון שיקאגא, מיט 40 יאהר צוריק, ווען פינף אומשולדיגע מענשען זיינען הינגעריכטעט געווארען.

פרעזידענט זיגמאן האט אויף דעם פארלאנג פון דער סאקא־וואנזעטי דעפענס קאמיטע אפעלירט צו פרעזידענט קולידזש, אז ער זאל זיך אריינמישען אין דער קייס פון סאקא און וואנזעטי. דער אפיל פון זיגמאן איז געמאכט געווארען דורך א טעלעגראמע, און עס לעזט זיך ווי פאלגט:

„פרעזידענט פון די פאראייניגטע שטאאטען, ראפיד סיטי, ס. דאקאטא.

„איך אפעליר צו אייך הארציג אינ'ם נאמען פון די טויזענדער מעמבערס פון אונזער ארגאניזאציע, וועלכע איך רעפרעזענטיר, דאס איהר זאלט אזוי גוט זיין און שיקען א ביטע צו גאווערנאר פולער אפצולייגען די הינריכטונג פון סאקא און וואנזעטי, וואס איז באשטימט פאר מיטוואך נאכט.

„אן עהנליכער פאל האט פאסירט אין דער מוני קייס, און פרעזידענט ווילסאן האט זיך אריינגעמישט און די הינריכטונג פון א מענשען איז דורך אזא ארט און ווייזע אפגעשטעלט געווארען. זאל [illegible] פרעזידענט אין דעם איצטיגען מאמענט באנוצען זיין איינפלוס, און זאל דורך דעם פארמידען ווערען א שלעכטער טהאט, וואס וועט אוועקרויבען אומזיסט די לעבענס פון צוויי מענשען.

אינטערנעשאנאל ליידיס גארמענט ווארקערס יוניאן.

מאריס זיגמאן, פרעזידענט".

די גענעראל עקזעקוטיוו באארד פון דער אינטערנעשאנעל האט לעצטען מאנטאג ארויסגעלאזט א רוף צו אלע מיטגלידער פון דער אינטערנעשאנעל אוועקצולייגען זייערע טולס דינסטאג, אינ'ם טאג פון פראטעסט געגען דער הינריכטונג פון סאקא און וואנזעטי. דער אפיל לעזט זיך ווי פאלגט:

„שוועסטער און ברידער:

„א געוואלדיג גרויסער ניט גערעכטער טהאט ווערט צוגעגרייט אין מאסאטשוזעטס סטייט וועגען צוויי אונשולדיגע ארבייטער, ניקאלאי סאקא און בארטאלאמא וואנזעטי.

„די גאנצע ציוויליזירטע וועלט האט אויסגעדריקט גוואלדיגע פראטעסטען געגען דעם אורטייל פון די צוויי מענשען, וועלכע האבען ניט געקראגען קיין עהרליכען און אומפארטייאישען פראצעס. זיי זיינען פאראורטיילט געווארען א דאנק די באשאפענע אטמאספערע דורך פראפאגאנדע געגען אויסלענדישע עלעמענטען און א דאנק דעם קלאסען קאמף.

„ווי עס ווייזט אויס, קאן מען איצט צו דער עלפטער שטונדע ניט ערווארטען גארניט דורך קאורט, אז די צוויי לעבענס פון די אומשולדיגע ארבייטער זאלען געראטעוועט ווערען, סיידען דורך א מעכטיגען פראטעסט פון די באנאפאיד טרייד־יוניאן באוועגונג פון אמעריקא, און אנדערע בירגער.

„עס איז אונזער לעצטע האפנונג,

איהר קענט זיין העכסט צופריעדען מיט אייער מיטאג אין איין רעסטאראנט און ענטוישט אין אן אנדער רעסטאראנט... כאטש די שפייז וואס איהר האט פערלאנגט איז דיזעלבע... דער אונטערשיעד ליגט אין דעם ווי אזוי די שפייז איז צוגעגרייט געווארען, און אין דעם טעם וואס די שפייז ענטהאלט.

און אזוי איז עס מיט מיוראד. וואס מעהר איהר שעצט די פיינערע זאכען וואס דאס לעבען פערמאגט... דעסטא מעהר וועט איהר קענען אבשאצען די קוואליטעט... דעם אראמאט אין דעם אויסערגעוועהנליכען טעם וואס מיוראד גיט אייך.

MURAD

דער אויסערגעוועהנליכער סיגארעט פאר דעם אויסערגעוועהנליכען מאן, וועלכער פיהלט דאס ער איז בארעכטיגט צו די בעסערע זאכען אין לעבען.

מיטינג פון דזשאינט באארד פון קלאוק און דרעססמאכער יוניאן

פון ב. מאזער, סעקרעטאר.

א מיטינג פון דעם דזשאינט באארד איז אפגעהאלטען געווארען פרייטאג, דעם 5טען אויגוסט, 1927, אין 3 וועסט 16טע סטריט.

טשערמאן ברודער רייף.

צושריפטען

אויף דעם פארלאנג פון וויס-פרעזידענט אנטאניני, וועלכער האט פארטרעטען די סאקא-וואנזעטי באפרייאונגס-קאמיטע, האט די דזשאינט באארד באשלאסען איינשטימיג צו פארדאמען גע-ווערנאר פולער'ס באשלוס אין דער קייס פון סאקא און וואנזעטי. די דזשאינט באארד איז געווען פאר אן איין-טאגיגען דזשענעראל סטרייק אלס פראטעסט געגען דעם גרויזאמען טהאט וואס ווערט באאנגען ווערען מיטוואך נאכט.

די פאלגענדע דעלעגאטען און באמטע זיינען ערוויילט געווארען צו פארטרעטען דעם דזשאינט באארד און זייערע לאקאלען ביי דער קאנפערענץ דעם שבת, דעם 6טען אויגוסט, אום 11 אין דער פריה אין דעם רענד סקול, צו מאכען די לעצטע פארבארייטונגען פאר דעם דזשענעראל סטרייק:

לאק. 2 — גוטערסאן און לעווענסאן.
לאק. 3 — קייליש און טורענשטיין.
לאק. 9 — סטיינבערג און קראוועץ.
לאק. 10 — פענקין און פרידמאן.
לאק. 22 — פארבער און ראזען.
לאק. 23 — פינקאפסקי און דזשייקאבסאן.
לאק. 35 מ. קאהען און רייף.
לאק. 48 — באנג און וואלטרי.
לאק. 82 — יאסער און ראזענבלאט.
לאק. 89 — סאלערנא און אליוווא.

אויך דזשענעראל מענעדזשער האכמאן און סעקרעטער-טרעזשורער מאזער.

ברודער רייף, דער טשערמאן פון די באארד אוו דירעקטארס, האט דאן פאר-ענטפערט אן אנפראגע פון עטליכע לאקאלע מענעדזשערס בנוגע די צוויי-דריטעל אינישיאיישאן פיס, און האט ערקלערט, אז די באארד אוו דירעקטארס האט באשלאסען אז צוויי-דריטעל פון אלע אינישיאיישאן פיס ביז 12 דאלאר, וואס די לאקאלען וועלען ארייננעמען אין דער צייט פון דעם ארגאניזיישאן קאמפיין, זאל געגעבען ווערען צו דעם ארגאניזיישאן פאנד פון דער דזשאינט באארד.

דזשענעראל מענעדזשער'ס באריכט.

ברודער האכמאן האט באריכטעט אז די פירמע „קריימער און ראטה", וועלכע האט דיסטשארדזשד 4 ארבייטער אויפ'ן גרונד פון דער רעארגאניזאציע, האט צוגעשטימט צו רעאינסטייטען דריי פון די ארבייטער. די קייס איז איפגענומען געווארען מיט'ן אומפאר-טייאישען טשערמאן.

די פירמע „מ. קליפשטיין", וועלכע האט געוואלט רעארגאניזירען איהר פעקטארי, און ווי פריהער באריכטעט, האט די יוניאן דאס ניט ערלויבט, האט איצט דיסטשארדזשט צוויי פון איהרע אלטע בעל מלאכות. די יוניאן האט די פירמע געווארענט נעגען דעם און איז געווען גרייט צו ערקלערען א סטרייק נעגען דער פירמע, ווען זי האט די צוויי בעל מלאכות צוריקגענומען צו דער ארבייט. זי האט אויך צוגעשטימט צו באצאהלען די צוויי ארבייטער פאר פארלארענער צייט און זיי צוריק צו געבען זייערע ביישטייערונגען צום אנעמפלאימענט אינשורענס פאנד, וואס באטרעפט $285.52. די ארבייטער האבען ביינע-שטייערט די געלד צום ארגאניזיישאן דרייוו.

ברודער האכמאן האט אויך באריכטעט אז די ארגאניזיישאן קאמיטע איז ערפאלגרייך אין אפשטעלען נים-יוניאן שעפער, ספעציעל אין ברוקלין און בענסאנהורסט. א צאהל פון די פירמעס האבען זיך שוין געווענדעט צו דער יוניאן פאר א סעטלמענט; די אנדערע זיינען נאך אין סטרייק.

ער האט אויך באריכטעט אז ברודער ארעצקי איז צוריק אין דעם אוטסאור-טאון דעפארטמענט פון דער אינטערנעשאנעל און אן אנדערער וועט פארנעמען זיין פלאץ.

ברודער פריער ערקלערט ברודער האכמאן, וועט איצט מאכען די סעטל-מענטס מיט פירמעס אין דעם פלאץ פון ברודער פינקאפסקי.

ברודער האכמאן האט ווייטער באריכטעט, אז ער האט געהאט א מיטינג מיט דעם סטעף פון דער אמעריקען אסס'ן דעפארטמענט, וואו ער האט גע-פראגען זעהר גוטע באריכטען פון די ביזנעס אייזשענטס.

ביי א מיטינג פון דער ארגאניזיישאן קאמיטע זיינען ארראנזשמענטס געמאכט געווארען צו האבען קאמיטעס ארום די שעפער שבתים, זונטאגס און נאך רעגולערע ארבייטס-שטונדען.

ברודער האכמאן'ס באריכט איז גוט-געהייסען געווארען.

א מיטינג פונ'ם דזשאינט באארד איז אפגעהאלטען געווארען פרייטאג, דעם 12-טען אויגוסט, אין דער אינטערנעשאנאל בילדינג, 3 וועסט 16טע סטריט.

טשערמאן — ברודער ב. קאפלאן.

עס איז באשלאסען געווארען, אז דער סעקרעטאר זאל זיין אינסטרואירט צו אינ-פארמירען דעם באטרעפענדען לאקאל אין יעדען פאל ווען א באאמטער איז אבווע-זענד פון 3 קאנסעקוטיווע דזשאינט באארד מיטינגען.

דער פראטאקאל פון דעם לעצטען דזשאינט באארד מיטינג איז פארגעלעזען און גוטגעהייסען געווארען, מיט דער קאר-רעקטורונג אז די „באאמטע אינגולי און באנאנא זיינען געווען אבוועזענד".

דזשענעראל מענעדזשער'ס באריכט.

ברודער האכמאן האט באריכטעט, אז וואס אנבעלאנגט אונזער יוניאן, איז די סאקא-וואנזעטי דעמאנסטראציע געווען אן ערפאלג. אונזערע מיטגלידער אין די קלאוק און דרעס שעפער, וועלכע ווערען קאנטראלירט פון אונזער יוניאן, זיינען ארויס אין א באדייטענדער צאהל און האבען דעמאנסטרירט זייער פראטעסט נעגען דעם שוידערליכען אורטייל נעגען די צוויי מארטירער.

ער האט אויך באריכטעט, אז די פיר-מע „גאלדשטיין און קאץ", קאנטראק-טארס פאר „מ. קליפשטיין", וועלכע פיר-מע האט גענומען די פעקטארי פון בראנד-וויל קיין ניו יארק, זיך ארויסצודרעהען פון יוניאן קאנטראל, איז געווען געצוואונ-נען צו סיינען אן אגרימענט מיט דעם אפיס נאך א סטרייק. די פירמע האט באצאהלט 500 דאלאר אלס „ליקווידיי-טעד דעמעדזשעס" פאר ניט נאכקומען דעם פריהערדיגען אגרימענט מיט דער יוניאן.

וואס אנבעלאנגט דעם ארגאניזיישאן קאמפיין, האט ברודער האכמאן באריכ-טעט, אז די מאשינערי איז איינגאנצען אר-גאניזירט אין די פארשידענע דיסטריק-טען ארום ניו יארק און זיי טוען זעהר גו-טע ארבייט. אין ניו יארק גופא גרייטעט מען זיך צו און אלע ארראנזשמענטס ווע-רען געמאכט אנצופאנגען דעם דרייוו מאנ-טאג, דעם 15טען אויגוסט. עס איז נע-ווען זיין מיינונג, אז מען קען ערווארטען גוטע רעזולטאטען.

ברודער האכמאן האט ערקלערט, אז די נייע ארגאניזירטע שעפער זיינען אונ-טערזוכט געווארען פון אונזערע אקאונ-טאנטס און עס איז באוויזען געווארען, אז די פירמעס האבען געארבייט פאר יוניאן דזשאבבערס. ער האט אנגעוויזען די רע-לענאטען, אז די אינפארמאציע איז זעהר וויכטיג פארצוברענגען פאר'ן אומפארטיי-אישען טשערמאן און אזוי ארום האנדלען נעגען די דזשאבערס, וועלכע האבען פאר-לעצט דעם אגרימענט.

צום סוף האט ברודער האכמאן אפע-לירט צו אלע דזשאינט באארד דעלעגאַ-טען צו טאן אלעס אין זייערע מעגליכקיי-טען צו העלפען אין דעם ארגאניזיישאן קאמפיין און אזוי ארום צוריק ברענגען אונזער אינדוסטריע צו איהר פריהערדי-גען מאכטשטאנד. ער האט גערופען יעדען אקטיווען ארבייטער צו ווייזען א ביישפיל פון אקטיוויטעט צו די מעמבערס.

ברודער האכמאנ'ס באריכט איז גוט-געהייסען געווארען.

דער מיטינג איז דאן געשלאסען גע-ווארען.

באארד אוו דירעקטארס באריכט
אויגוסט 10, 1927.

מענעדזשערס' באריכטען.

ברודער נאגלער'ס, מענעדזשער פון דעם אינדאסטריאל קאונסיל דעפארטמענט באריכט איז גוטגעהייסען געווארען.

ברודער ראזענבלאט, צייטווייליגער מענעדזשער פון דעם אמעריקאן און אינ-דעפענדענט דעפארטמענט, האט באריכ-טעט, אז אין די לעצטע צוויי וואכען האט זיין דעפארטמענט אטענדעט 546 קאמ-פליינטס, איינשליסענדיג 171 וויזיטען צו שעפער.

זיין דעפארטמענט האט ריאינסטיי-טעד 19 ארבייטער אין די פאלגענדע שע-פער: וואולף און מעליקאף, אמעריקאן קלאוק קא., פרידמאן און ליווי, פינקעל-שטיין און סאן, באומהאלץ און פרידלענ-דער, ענטערפרייז קלאוק קא., דעניעלס און ראסקאפסקי, זאפעל און הויפקין, פאר-נאלין און סמיט, בראום און דזשייקאב-סאן, פ. פארטאפאליא, ענדערסאן און קעד-לערמאן, נאלדבערג און פירלער, ה. ער-פערמאן, סאמפסאן און קאופמאן, עס אי-עס ליין, העניס און וואגנער, ליווי און שוואס.

די פאלגענדע פירמעס האבען זיך אנט-זאגט אויסצוגעמען קאמפליינטס געגען זיי, אז זיי באשעפטיגען די ארבייטער פון שטיק: מ. האוסער, האמערשלאג (פרי-הער בערגאל און האמערשלאג). די קיי-לעס זיינען איבערגעגעבען געווארען צום ארגאניזיישאן דעפארטמענט.

אין די פאלגענדע 4 פעלע איז א ווייטערע אונטערזוכונג געארדערט געווארען: בלאו און סאן, גאראנטיד גארמענט קא., ארנאלד און סילווערמאן, קריניק און פיינענבאום.

בנוגע דעם לייבעל, האט ברודער ראזענבלאט באריכטעט, אז די ביזנעס אייזשענטס זיינען אינסטרואירט געווארען צו זעהן, אז דער לייבעל זאל גענוצט ווערען אויף יעדען גארמענט, און אויב נויטיג זאלען זיי אפילו רופען סטרייקס נעגען אזעלכע פירמעס, וועלכע פיהרען ניט דורך דעם טייל פון דעם אגרימענט; אויך אז זיי זאלען רופען צו דער גריוועגס קאמיטע ארבייטער וועלכע נעהען ניט ארויף דעם לייבעל אויף די גארמענטס.

די „דזשוניאר סיטי קאוט קא." האט אויסגעשלאסען אלע ארבייטער און זיך אנטזאגט זיי צו געבען ארבייט סיידען זיי וועלען צושטימען צו ארבייטען פון שטיק. דורך פארהאנדלונגען מיט פארטרעטער פון דער יוניאן און דער אמעריקאן אסאָ-סיאיישאן זיינען די ארבייטער ריאינסטיי-טעד געווארען און די פירמע האט זיך פארפליכטעט נאכצוקומען אלע יוניאן באַ-דינגונגען.

די פירמע „מאקס בעקער" האט אינ-פארמירט די ארבייטער, אז ער וועט רע-דוצירען זייערע וויידזשעס. די ארבייטער האבען זיך פון דעם אנטזאגט און ער האט זיי ניט געגעבען קיין ארבייט. נאך א קורצען סטרייק האט די פירמע צוגע-שטימט צו באשעפטיגען די ארבייטער אויף זייערע פריהערדיגע וויידזשעס.

ברודער ראזענבלאט האט אויך באַ-ריכטעט, אז פון 36 פירמעס וועלכע האַ-בען באשעפטיגט נים-יוניאן בעלי-מלאכות האבען 24 צוגעשטימט צו באשעפטיגען בלויז מעמבערס פון אונזער יוניאן, וועל-כע זיינען גוטשטעהענד און האבען אינ-סטרואירט זייערע ארבייטער גלייך צו קריגען זייערע ביכלאך פון אונזער אפיס.

צעהן פעלע זיינען איבערגעגעבען גע-ווארען צו דעם ארגאניזיישאן דעפארט-מענט צוליב דעם וואס די פירמעס האבען זיך אנטזאגט אויסצופירען דעם אגרימענט.

208 נים-יוניאן שעפער זיינען אונ-טערזוכט געווארען אין די לעצטע צוויי וואכען ווי פאלגט: 2 פירמעס האבען געסיינט אגרימענטס, 36 פירמעס פאר-האנדלען וועגען א סעטלמענט, 73 פיר-מעס זיינען איבערגעגעבען געווארען צום ארגאניזיישאן דעפארטמענט, 13 פירמעס זיינען ארויס פון ביזנעס, 34 פירמעס קע-נען ניט געפונען ווערען, 41 פירמעס זיי-נען איבערגעגעבען געווארען צום דזשאַ-בערס דעפארטמענט.

פון די 30 פירמעס, וועלכע האבען רע-זיגנירט פון דער אמעריקאן אסאסיאיישן האבען: 1 פירמע האט זיך אנגעשלאסען אן דער אסאסיאיישאן, 9 פירמעס ווילען צוריק ריאינסטייטעד ווערען, 15 פירמעס האבען זיך אנטזאגט צו סיינען אגרי-מענטס און זיינען איבערגעגעבען געוואַ-רען צום ארגאניזיישאן דעפארטמענט, 5 פירמעס זיינען ארויס פון ביזנעס.

זיינע ביזנעס אייזשענטס האבען באַ-ריכטעט, אז: 96 שעפער ארבייטען פו-לע צייט, 41 שעפער ארבייטען טיילווייז, 75 שעפער ארבייטען נים.

אינסטרוקציעס זיינען געגעבען געוואַ-רען אין אלע שעפער וואו מען ארבייט, אז די פירמעס זאלען נים באשעפטיגען קיינעם, וועלכער איז נים א גוטשטעהענ-דער מעמבער פון אונזער יוניאן. די אר-בייטער זיינען אינסטרואירט געווארען צו צאהלען זייערע דיוס און אפצוהאלטען שאפ מיטינגען.

ברודער ראזענבלאט'ס באריכט ווערט גוטגעהייסען.

ברודער קאראטענוטא, מענעדזשער פון דעם ברוקלין אפיס, האט באריכטעט, אז זינט דער קאמפיין האט זיך דארט אנ-געפאנגען דעם 3טען אויגוסט, זיינען זיי געווען ערפאלגרייך אין אפשטאפען 13 שעפער, פון וועלכע 5 האבען געסעטעלט מיט דער יוניאן און 8 זיינען אין סטרייק.

דער באריכט איז גוטגעהייסען גע-ווארען.

צושריפטען.

לאקאל 2 מאכט אויפמערקזאם די באארד אוו דירעקטארס צו דעם פאקט, אז לויט זייער מעמבערשיפ האבען זיי מעהר ביזנעס אייזשענטס ווי די אנדערע לאַ-קאלען. דאס גיט זיי צו נאך מעהר פי-נאנציעלע שוועריגקייטען. דער לאקאל פארלאנגט דעריבער, אז די קוואטא פון ביזנעס אייזשענטס פון די לאקאלען זאל רעאראנזשירט ווערען אויפ'ן באזיס פון דער איצטיגער מיטגלידערשאפט.

דער צושריפט איז איבערגעגעבען גע-ווארען צום סעקרעטאר מיט אינסטרוק-ציעס, אז א צענזוס זאל גענומען ווערען פון דער מעמבערשיפ אנגעשלאסען אן אלע אונזערע לאקאלען און צו באריכטען צו די באארד אוו דירעקטארס, וואס זאל זיין די קוואטא פאר יעדער לאקאל.

דזשענעראל מענעדזשער'ס באריכט.

ברודער האכמאן האט באריכטעט, אז די פראגע בנוגע אן ארגאניזיישאן קאמפיין איז בארעדט געווארען פון פרע-זידענט זיגמאן, סעקרעטער מאזער און איהם, און נאך א גענויער באטראכטונג, האבען זיי באשלאסען צו רעקאמענדירען ווי פאלגט צו די באארד אוו דירעק-טארס:

1) אז העדקווארטערס זאלען גענומען ווערען פאר דעם ארגאניזיישאן דעפארט-מענט, ווייל דער דזשאינט באארד איז צו ענג.

2) אז ברודער קאפלאן, טשערמאן פונ'ם דזשאינט באארד, זאל באשטימט ווערען צו האבען די אויפזיכט איבער דעם דעפארטמענט, מיט דער הילף פון ברודער מאסקאוויץ, וועלכער זאל אכ-טונג געבען איבער ארגאניזירען די דרעס שעפער.

3) אז ברודער פינקאפסקי זאל באַ-שטימט ווערען אכטונג צו געבען איבער די קלאוק שעפער, וועלכע ווערען ארונטערגענומען אין סטרייק און צו מאַ-כען די סעטלמענטס.

4) שוועסטער סיידי רייש, א מיט-גליד פון דער דרעססמאכער יוניאן, וועל-כע ארבייט איצט פאר די „וויימענס טרייד יוניאן ליג", זאל איינגעלאדען ווערען ארויסצוהעלפען ברודער מאסקאַ-וויץ אין דעם דעפארטמענט.

ברודער האכמאן האט אויך באריכ-טעט אז לויט דעם באשלוס פון די באארד אוו דירעקטארס אויף א פריהער-דיגען מיטינג, אז אראנזשמענטס זא-לען געמאכט ווערען בנוגע דער טעגלי-כער ארבייט אין די אפיסעס, האט ער, צוזאמען מיט ברודער מאזער און ברו-דער האלפערין, געמאכט דעם פאלגענ-דען אראנזשמענט: ברודער דזשיי-קאבסאן, דער קאמפליינט קלערק פון דעם אמעריקאן און אינדעפענדענט דע-פארטמענט, וועט ארויסהעלפען דעם סעקרעטער און דעם דזשענעראל מענע-דזשער. ברודער שאהנפעלד וועט אכ-טונג געבען אויף די דזשאבערס קאמפ-ליינטס. ברודער מילער, ביזנעס איי-דזשענט פון דעם אמעריקאן און אינדע-פענדענט דעפארטמענט, וועט זיין קאמ-פליינט קלערק אין זיין דעפארטמענט אנשטאט ברודער דזשייקאבסאן.

אראנזשמענטס פאר צוויי מיטינ-גען פון שאפ טשערליימע און אקטיווע מעמבערס פון דער קלאוק און דרעס אינדוסטריע, ווערען געמאכט פאר דער נאהענטער צוקונפט.

נאך א לענגערע דיסקוסיע ווערען די רעקאמענדאציעס און דער באריכט פון דעם דזשענעראל מענעדזשער גוטגע-הייסען.

דער מאגען?

עקס-לאקס!

ניי־ערוועהלטע יוניאן באאמטע נעמען איבער פארוואלטונג אין שיקאגא

(שלוס פון זייט 1)

זיך ארייגצוכאפען אין שיקאגאער דזשאינט באארד.

פונקט ווי ניו יארק, האט אויך שיקאגא ניט געברויכט פיעל צייט כדי זיך צו איבערצייגען אין די קאמוניסטישע היפאקריסטוע, און פאלשטענדיגע טאלאנטלאזיגקייט, עס האט בלויז גענומען קוים צוויי יאהר, אז די שיקאגא מעמבערשיפ זאל זיך אפטרייסלען פון די שארלאטאנעס, וועלכע פארשווענדען דער יוניאנס פארמעגען, רואינירען די קאמפס־פעהיגקייט פון דער ארגאניזאציע, און, אנשטאט צו פארטיידיגען זייערע אינטערעסען, געברויכען זיי די יוניאן פאר די אינטערעסען פון א פאליטישער קליקע.

ניו יארק האט געמאכט דעם ערשטען שריט צו פארטאגען די קאמוניסטען פון דער אידישער ארבייטער־גאס און קודם כל פון דער קלאוק און דרעס מאכער יוניאן, שיקאגא האט איצט מוסטערהאפטיג נאכגעפאלגט די ניו יארקער ברידער, און געשטעלט דעם צווייטען פוס אויפ'ן קבר פון א פאליטישע קליקע, וואס האט זיך געשטעלט די טרויעריגע אויפגאבע צו רואינירען די אינטערנעשאנעל. די שיקאגא ארבייטער, פונקט ווי די ניו יארקער, האבען ענדליך דערקענט זייערע שונאים, די קאמוניסטישע פארניכטער, און זייערע באלעבאטישע רעאקציאנערע מיטהעלפער: דעם טעמעני „טאג" אין ניו יארק, און דעם רעאקציאנערען „אידישען קוריער" אין שיקאגא.

א מערקווירדיגע ערשיינונג איז עס, גראד די ציטונגען וואס פארטיידיגען די אינטערעסען פון די קאפיטאליסטען און דרוקען סקעב אדווערטייזמענטס, זיינען די בארופענע פריינד פון די רעוואלוציאנערע קאמוניסטישע כוואליעס. ווען די אינטערנעשאנעל איז צוגעטראטען אין דער ריכטיגער צייט צו די וואהלען אין דער שיקאגאער ארגאניזאציע אונטער די אויפזיכט פון דער אמעריקען פעדעריישאן אף לייבאר און פון די אידישע פאראייניגטע געווערקשאפטען, די אייניציגע אנערקענטע יוניאן קערפערשאפט אין דער שטאדט, איז דער ערשטער ארויס מיט אן אטאקע געגען אונזער אינטערנעשאנאל די רעאקציאנערע שמאטע „דער אידישער קוריער" אין שיקאגא. ער, דער הייליגער צדיק, האט דאס ניט געקענט צוזעהן ווי מען בעול'ט די ארימע קאמוניסטען, און זיך, פונקט ווי זיין טעמעני ברודער אין ניו יארק, אנגענומען זייער קריגערע.

אזוי שנעל ווי די קאמיטע פון דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד איז צוגעטראטען צו איהר אויפגאבע, האט דאס נאפען בלעטעל „קוריער" אין א אמת'ען „פרייהייט"־לשון אנגעהויבען א העצע, פארוואס די יוניאן איז איר איצט אייגענטליך זעהר דאנקבאר, ווייל איר בילען האט דער יוניאן בלויז פריינד פארשאפט אין שיקאגא. „זאג מיר מיט וועמען דו חבר'סט זיך און איך וועל דיר זאגען ווער דו ביסט", איז א באקאנט גלייכווערטעל. די שיקאגא יוניאן מיטגלידער האבען זיך בלויז באדארפט צוקוקען צו דעם ווער עס פארטיידיגט די קאמוניסטען, כדי זיך נאך מעהר פון זיי צו דערווייטערען. די עלעקשאן קאמיטע האט פארלאנגט פון די קאמוניסטען, אז זיי זאלען בלויז אונטערשרייבען, אז זיי וועלען זיין לאיאל צו דער אינטערנעשאנעל און זיי האבען דאס אנטזאגט, אנטזאגט לאיאליטעט צו דער ארגאניזאציע, און ווען זיי האבען געוואלט לויפען פאר אן אמט, האט זיי נאטירליך די עלעקשאן קאמיטע ניט צוגעלאזען צום באלאט. די עלעקשאנס זיינען דורכגעפיהרט געווארען אויפ'ן דעמאקראטישסטען אופן, אונטער דער אויפזיכט פון די אפיציעלע יוניאן קערפערשאפטען, און עס זיינען געוויילט געווארען בלויז טרייע מעמבערס פון דער אינטערנעשאנעל.

דער אינסטאלליישאן מיטינג

טראצדעם וואס אין שיקאגא האט מען ניט באדארפט דורכפיהרען א רעגיסטראציע, ווי דאס איז געווען דער פאל אין ניו יארק, נאר בלויז נארמאלע יוניאניסטישע עלעקשאנס, האבען די קאמוניסטען גלייך נאך די וואהלען אויפגעהויבען א געשריי וועגען „אומגעזעצליכקייטען", און, ווי געוויינליך, אנגעהויבען סקאנדאלען אין זייער נאפען בלעטעל מיט אן אייגענער קרעטעל. די שיקאגאער קלאוק און דרעסמאכער לאכען זיך אבער אויס פון די קאמוניסטישע סקאנדאלעס און בלאפס, און האבען דערויף געגעבען א געהעריגען ענטפער אויף דעם אינסטאלליישאן מיטינג פון דער נייער דזש. באארד, וואס האט שטאטגעפונען דערנעכטען אווענט, דעם 11טען אויגוסט, אין גרויסען האלאס פארק אודיטאריום.

דיזער אינסטאלליישאן מיטינג איז געווען אן אמת'ער אויסדרוק פון שמחה איבער די קאמוניסטישע מפלה, און אן אויסדרוק פון אבסאלוטען פארטרויען צו דער נייער דזשאינט באארד פון דער א. ל. ג. ו. י.

דער גרויסער האל איז געווען געפאקט ביז אין אלע ווינקלען, איבעראל האט געהערשט פרייד און צופרידענהייט, וועלכע האט באקומען אן אויסדרוק אין דעם ענטוזיאסטישען אויפנעמען פון די רעדנער. עס האבען גערעדט: וויים־פרעזידענט ניגפא, וועלכער איז געווען טשערמאן פון מיטינג, און מאלי פרידמאן. ביידע האבען לעצטענס געטאן אין שיקאגא וויכטיגע ארבייט פאר די אינטערנעשאנעל; דזשאן פיצפעטריק, פרעזידענט פון שיקאגא א. פ. א. ל., וועלכער האט אונטער א גרויסען בייפאל צוגעזאגט די אידישע ארבייטער פולע שטיצע געגען קאמוניסטישע גענגסטערס און זייערע כוליגאנישע אנפאלען, און דער אלטער יוניאן פיהרער, ברודער הענאס, וועלכער איז שטארק אפלאדירט געווארען פאר זיין טרעפליכען פארגלייך צווישען די איצטיגע אומפאראנטווארטליכע און אנגעלאפענע עלעמענטען אין די יוניאנס און די אמאליגע פיאנערען אין דער אידישער טרייד יוניאן באוועגונג.

פרעזידענט זיגמאן איז ספעציעל געקומען קיין שיקאגא צו דיזען אינסטאלליישאן מיטינג און געהאלטען די אינסטאלליישאן רעדע. דער מיטינג האט איהם אויפגענומען מיט אן אויסערגעווינליכער ווארימקייט, און אומאויפהערענדע אפלאדיסמענטען. מיט זיין געוויינליכען ערנסט און אינהאלטסרייכקייט האט ער די נייע ערוויילטע מיטגלידער ערקלערט זייערע פליכטען צו דער יוניאן און צו דער מיטגלידערשאפט פון די לאקאלען 5, 18, 59, 81 און די ריינקאוט מאכער און לידיס טיילארס, וועלכע זיינען אלעמאל געווען טרייא די אינטערנעשאנעל, און דער מיטינג האט ווידער אמאל באשלאסען און זיי זיינען פעסט בערייט צו פארטרייבען די קאמוניסטישע אינטריגאנטען און פארוואלטען זייערע לאקאלען לויט די פאליסים און פרינציפען פון דער אינטערנעשאנעל אלס א טייל פון דער אמעריקאנער ארבייטער באוועגונג.

מיט פארטרויען צו דער נייער אדמיניסטראציע און מיט דעם שטארקען ווילען צו ארבייטען פאר א קאמפס־פעהיגע יוניאן איז דער מיטינג געשלאסען געווארען.

קאמוניסטישע באאמטע כאפען מיאוסע מפלה אויף זייער אייגענעם מיטינג

די קאמוניסטישע מאכערס האבען גערופען א מיטינג פון אפערייטארס לאקאל 5, ווען אן אלטען אסעסמענט, וועלכען די מעמבערס האבען שוין לאנג צוריק באשלאסען צו באצאהלען צו דער אינטערנעשאנעל און האבען שוין לאנג אפגעצאהלט צום לאקאל.

ווען דער מיטינג איז אנגעגאנגען, האבען די קאמוניסטישע באאמטע, וועלכע האבען זיך אליין ארויפגענומען פון באלאט, אנגעפאנגען אגיטירען געגען דער געזעצליכער אינטערנעשאנעל עלעקשאן און האבען גענומען העצען אז מען זאל רופען א נייע עלעקשאן.

דא האבען די אלטע אויסגעפרובירטע מעמבערס, וועלכע האבען געבלוטעט און געליטען פאר זייער יוניאן, ארויסגעוויזן זייער אנשלאסענהייט און האבען געגעבען די קאמוניסטישע יוניאן ברעכער צו פארשטעהן אז זיי וועלען ניט ערלויבען אז זייער לאקאל זאל ארויסטרעטען געגען דער אינטערנעשאנעל און געגען דער אמעריקאן פעדעריישאן אף לייבאר.

דער ערשטער, וועלכער האט געגעבען די קאמוניסטען א לעסאן אין סאלידאריטעט צו דער אינטערנעשאנעל איז געווען דער אלטער יוניאן קעמפער שטערן. ער האט זיי געוויזען ווער עס האט געבויט די שיקאגאער יוניאן און וואס די אינטערנעשאנעל האט געטאן פאר די שיקאגאער קלאוקמאכער. ער האט אנגעוויזן ווער עס זיינען די זאגענאנטע לינקע וועלכע האבען דעליקאטעסען סטארס, האנדלען אונטער מיט לינקע ביטערע סחורה און קומען צו דער יוניאן און העלפען די קאמוניסטען ברעכען די יוניאן.

שארפע רעדעס זיינען געהאלטען געווארען פון י. ביאליס, מ. נאוואק, א. בלומענפעלד און אנדערע אלטע לאיאלע מעמבערס.

ווען דער קאמוניסטישער מענעדזשער האט געוואלט ריידען האבען די מעמבערס אויפגעהויבען א פראטעסט געגען איהם אז ער האט געזעהן אז זיין „כאווער", דער טשערמאן פון לאקאל אפילו קען איהם אויך ניט העלפען אין זיין טרויעריגער לאגע און ער האט ניט געקענט קריגען די צושטימונג פון די מעמבערס זיך ארייגצומישען אין זייערע לאקאלע אנגעלעגענהייטען.

דזשאינט באארד נעמט איבער דעם יוניאן אפיס. — לינקע רופען פאליציי

ווען די מיטגלידער פון דער ניי־ערוויילטער דזשאינט באארד זיינען נעכטען אווענט געקומען צו אפהאלטען די ערשטע זיצונג פון דער אינטערנעשאנאל, זיינען זיי באגעגענט געווארען אין אפיס פון א פופצעהן קאמוניסטקעס.

די כאווערטעס זיינען באפאלען די מיטגלידער פון דער דזשאינט באארד און זיי געהאלטען אין איין שימפפען און באליידיגען. צום סוף האבען די „כאווערטעס" צוזאמען מיט די געוועזענע לינקע פיהרער ארויסגערופען פאליציי. ווען די פאליסלייט זיינען אנגעקומען, האבען די לינקע געוואלט אז זיי זאלען ארעסטירען די נייע באאמטע. די קאמוניסטען האבען זיך געווענדעט צו די בלויע רעס, אז זיי זאלען זיין די דזשאדזשעס... זיי האבען גענומען טענה'ן צו די פאליסלייט אז מען טאר די נייע באאמטע פון דער דזשאינט באארד, וועלכע זיינען ערוויילט געווארען פון די קלאוקמאכער, ניט צולאזען אין אפיס צו פארנעמען זייערע פלעצער.

פרעזידענט זיגמאן איז דאן ארויסגערופען געווארען פון דער דזשאינט באארד. ער איז געקומען און ערקלערט וואס די לינקע זיינען אויסען און אנגעוויזען אז די נייע באאמטע זיינען איצט די געזעצליכע פיהרער פון דער יוניאן.

ווען די פאליציי האט זיך ניט געוואלט ארייגמישען, האבען די 15 כאווערטעס פארלאזט דעם אפיס.

די דזשאינט באארד איז גלייך צוגעטראטען צו דער ארבייט און אויסגעוויילט די פארשידענע קאמיטעס כדי באלד אנצוגעהן מיט די רוטינע יוניאן טעטיגקייטען.

פרעז. זיגמאנ'ס סטייטמענט

נאכדעם ווי פרעזידענט זיגמאן האט אפיציעל געלאזט וויסען די ביזנעס אייזשענטס אז זיי מוזען אנערקענען די ניי־געוויילטע דזשאינט באארד, אויב זיי ווילען זיך אליין ניט אויסשליסען פון דער אינטערנעשאנעל, האט ער פאר זיין אוועקפאהרען ארויסגעגעבען פאלגענדען סטייטמענט:

צו די מיטגלידער פון דער אינטערנעשאנעל

אין דער צייט ווען די מיטגלידער פון די שיקאגאער לאקאלס פון דער אינטערנעשאנעל ווערען גערופען צו דער אינסטאלליישאן פון די נייע דזשאינט באארד היינט אווענט, טוען די קאמוניסטען און די עטליכע באאמטע פון דער אלטער דזשאינט באארד אלעס וואס זיי קענען צו צוברעכען די אינטערנעשאנעל, צו באשמוצען און באשימפען די דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד און די מעמבערס, וועלכע ווילען זיי ניט נאכפאלגען, צו באקעמפען און ארונטעררייסען די אינטערנעשאנעל און די אמעריקען פעדעריישאן אוו לייבאר.

די מיטגלידער פון די אינטערנעשאנעל לאקאלס ווערען אויפמערקזאם געמאכט זיי זאלען זיך ניט לאזען אפנארען פון די קאמוניסטישע יוניאן ברעכער און אוואנטוריסטען, וועלכע שטעלען זיך ניט אפ פאר קיין זאך אנצוהאלטען זייער דיקטאטור און צו רואינירען, אויב זיי קענען ניט הערשען.

די קאמוניסטען, וועלכע פיהרען אן די יוניאן ברעכערישע ארבייט אין שיקאגא געגען דער אינטערנעשאנעל, שטעלען זיך אליין אוועק אין א לאגע, פון וועלכע זיי וועלען ליידען און קיינער וועט זיי ניט קענען העלפען, אויב זיי וועלען אנהאלטען זייער יוניאן־ברעכערישע טאקטיק.

די דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד איז ארייגגעקומען און האט איבערגענומען די פיהרונג פון די עלעקשאנס און דורך דעם, איינמאל פאר אלע מאל, אפגעשאפען די הפקרות און דעמאראליזאציע, וועלכע די איצטיגע קאמוניסטישע פיהרער און זייערע נאכשלעפער האבען ארייגגעבראכט אין דער יוניאן.

די שיקאגא דזשאינט באארד, וועלכע איז ביז איצט קאנטראלירט געווארען פון אן אומפאראנטווארטליכע קאמוניסטישע קליקע, איז געווען דער איינציגער פלעק אויף דער טרייד־יוניאן באוועגונג און אויף דער אינטערנעשאנעל, און די צייט איז געקומען דיזען פלעק אפצואוואשען און מאכען אן ענדע צו דעם כאאס און דעמאראליזאציע וועלכע זיי האבען פאראורזאכט.

די עלעקשאנס זיינען געווען פאלשטענדיג געזעצליך און די קאמוניסטישע טריקס וועלען קיינעם ניט פארדרעהען דעם קאפ.

פארכאפטע פארניטשור פון דער דזשאינט באארד געפונען אין קאמוניסטישע סעלערס

(שלוס פון זייט 1)

רוהט ביז וואנען ער האט אויסגעפונען, וואו זייער פארמעגען געפינט זיך.

די יוניאן האט גלייך גענומען שריטע צוריק צו באקומען דאס פארמעגען פון איהרע מעמבערס און האט באקומען פון קארט אן ארדער אויף דעם.

ווען דער שעריף מיט די יוניאן אפיסערס זיינען געקומען ארויסנעמען די גע'גנב'עטע זאכען, האט דער אומפארטייאישער מענעדזשער פון די הייזער זיך גענומען טשמעוועטע, און געשטערט דעם שעריף אפצונעהמען די קאמוניסטישע גנבות, רופענדיג צו הילף די פאליס. ווען די פאליציי איז אבער געקומען און געזעהן ווער דאס מאכט אייגענטליך דעם „האלד־אפ" האט זי אנשטאט דעם ארעסטירט דעם קאמוניסטישען מענעדזשער, און די יוניאן אפיסערס האבען ארויסגענומען די גאנצע גנבה און זי צוריקגעפיהרט צוריק אין דער יוניאן. די יוניאן האט צוריק איהרע שעהנע פורניטשור, און די קאמוניסטישע שארלאטאנעס זיינען געבליבען ביי זייערע גנבות.

יוניאן פארניטשור פון לאק. 9 און 2 ווידער אין דער יוניאנ'ס באזיץ

א אידיש גלייכווערטעל זאגט: „אז מען בריהט זיך אפ אויפ'ן הייסען בלאזט מען אויפ'ן קאלטען", די ברוטאלע און גנבה'שע האנדלונג פון די קאמוניסטען אין דער קלאוקמאכער יוניאן מיט דער יוניאנס פורניטשור, האט געלערנט די איצטיגע פיהרער פון דער יוניאן ווי אזוי מען דארף זיך באווארענען געגען ראפינירטע קאמוניסטישע גנבים. גלייך נאך דער קאמוניסטישער גנבה פון די פורניטשור אין דעם דזשאינט באארד בילדינג, האט די אינטערנעשאנעל ארויסגענומען א רעפלעווען אויף דער יוניאנס פורניטשור אין די לאקאלען 9 און 2. די פורניטשור פון לאקאל 9 איז ארויסגענומען געווארען פון דער זעלבער בילדינג, פון וועלכער די קאמוניסטען זיינען שוין מיט וואכען צוריק ארויסגעווארפען געווארען, די פורניטשור פון לאקאל 2 האט מען ארויסגענומען דינסטאג אין מיטען העלען טאג, פון דער בילדינג פון לאקאל 2 וואו די קאמוניסטען פוסטעווען נאך פאר עטליכע טעג. די גאנצע בילדינג איז געווען אנגעפילט מיט פורניטשור און אפיס מכשירים, אלע סעלערס זיינען געווען איבערפילט מיט זאכען וואס מען האט צונעגומען אין דער דזשאינט באארד בילדינג. די באגייסטערונג פון אונזערע מעמבערס איז ניט צו באשרייבען. די הונדערטער מיטגלידער וואס האבען זיך געפונען אין דער דזשאינט באארד וועגען פארשידענע יוניאן אנגעלעגענהייטען, האבען גענומען א מצוה מקיים זיין און העלפען ארויסטראגען א שטיקל פורניטשור פון דער קאמוניסטישער [illegible] אידזשענסי אין זייער יוניאן [illegible], וואס געפינט זיך אין נאהענטער שכנות. [illegible] רוכאוויץ האט [illegible] זיין [illegible] קענדיג ווי מען שלעפט דעם יוניאן אייגענטום אין דער אמת'ער [illegible]. די קאמוניסטען האבען [illegible] גנבים געבליבען און פון דער [illegible] ארויסגעווארפען.

GERECHTIGKEIT
A Jewish Labor Weekly
Published every Friday by the International Ladies' Garment Workers' Union
Office: 3 West 16th St., New York, N. Y.
MORRIS SIGMAN, President; A. BAROFF, Sec'y-Treas.
MAX D. DANISH, Editor
Subscription price paid in advance: $1.00 per year.
Vol. IX. No. 33 — Friday, August 19, 1927
Entered as Second Class matter April 16, 1920, at the Post Office at New York, N. Y., under the act of August 24, 1912.
Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in section 1103, Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919.

דינסטאג — דער 9טער אויגוסט

פון פיליפ קורינסקי

דעם פארלעצטען דינסטאג האבען אלע פראגרעסיווע הערצער געקלאפט פון אויפרעגונג. די מוחות פון די פראגרעסיווע ארבייטער זיינען געווען אנגעשטרענגט צוליב'ן געדאנק אז אין א טאג ארום רייסט מען אוועק צוויי פון די בעסטע פון זייערע רייען, אז ביינאכט וועלען צוויי ארבייטער מארטירער געבראכט ווערען אלס קרבנות אויפ'ן מזבח פון דער קאפיטאליסטישער גערעכטיגקייט, אלס אפפער צום גאט „מאמאן".

איך בין, פארשטעהט זיך, נייגעריג געווען צו געהן אין די האלס מיט די יאנינע, וואס זיינען געקומען אויסשרייען זייער העפטיגען פראטעסט געגען דעם פארברעכערישען יוסטיץ-מארד. עס האט זיך לוידער געמאכט אזוי, אז ביז פיער אזייגער נאמיטאג האב איך ניט געקענט זיך אנשליסען אין די רייהען פון דער פראטעסטירענדיגער מאסע.

איך בין ארויס פון אינטערנעשאנעל בילדינג מיט א געדאנק, וואס ברודער רעניש, רעדאקטאר פון „גערעכטיגקייט", האט אפגעפרישט אין מיין זכרון.

— איהר זענט שוין געווען אין גאס?
— פרעגט ער מיך.
— יא, איך בין זיך דורכגעגאנגען,
— האב איך איהם געענטפערט.
— האט איהר געזעהן, — זאגט ער
— ווי אויף יוניאן סקווער זיינען דא פיל מעהר פאליציאנטען ווי מענשען, און אין אלע ווינקעלעך ארום יוניאן סקווער שטעהען מאסען פאליסליים און היטען. און עפעס איז דאס פארט ניט די אמאליגע פראטעסט-מיטינגען. עס איז עפעס נישטא קיין פונדאמענט הינטער דער באוועגונג און מען נעהמט ניט מיט קיין פעסטע טריט. עס פעהלט עפעס. עס איז נישט דאס וואס איז געווען און וואס עס באדארף צו זיין.

— יא, — האב איך צוגעגעבען ברודער רעניש'ן — די באוועגונג איז צובראכען און איבעראל פיהלט זיך דער חורבן.

מיט דעם געדאנק האב איך זיך ארויסגעלאזט אין גאס און געטראכט: איך וועל איצט געהן און זעהן וואס עס טוט זיך אין דעם וועלט-גהנום, וואו איין מענש פרעסט דעם צווייטען, רייסט זיין פלייש און גריזשעט זיינע ביינער; אין דעם גיהנום פון עלענד און צרות, פון זיפצען און יאמער, פון'ם אונטערדריקטען ארבייטער קלאס. איך וויל זעהן — האב איך מיר געטראכט — וואס פאר א פנים עס האט דער פראטעסט וואס מען רופט איהם מיט'ן יארען „גענעראל סטרייק".

עס איז שוין געווען פארנאכט-צו, אבער דער הימעל האט נאך געלויכטן רייןפארבינג, עס האט נאך געברענט די זון מיט איהרע פייער-שטראלען איבער'ן גאנצען הארייזאנט, און פונקט אזוי ווי די זון האט געבראטען און געברענט, אזוי האט אין די מענשליכע הערצער געברענט דער אויסגעשריי געגען דעם קאפיטאליסטישען מערדער-גע-זינדעל, וואס הערשט און טעראריזירט די גאנצע אומגליקליכע וועלט.

איך האב שוין פארפעלט צו הערען די רעדעס, אבער א מארש פון יונגע מענשען האט זיך געצויגען איבער די גאסען מיט די טענער פון „אינטערנאציאנאל" און אנדערע רעוואלוציאנערע לידער. די טענער זיינען געווען אפגעריסענע, צוואורפענע און דער מארש איז געווען א לויזער און אהן א שום ארדער און טאקט, און דער גאנצער מארש פון די מארשירענדע איז געווען אזוי ווי זיי וואלטען געגאנגען מיט ניט קיין זיכערהייט. אבער איך האב נאר געזעהן פאר זיך צוויי זאכען: דעם טויט פון סאקא און וואנזעטי. און דער פראטעסט געגען טויט. איך האב זיך, ניט קוקענדיג אויף דעם ניט פעסטען מארש, געפונען אין א צושטאנד פון טרויער. איך האב זיך שוין אלץ פארגעסען און די איינבילדונגס-קראפט האט זיך עפעס אין דעם מאמענט דערהויבען איבער אלעם, וואס עס איז אירדיש און עס האט זיך מיר אויסגעדוכט אז אין דער שטימונג געפינען זיך אלע מענשען. איך האב פלוצים געקראגען נייעם מוט. מיין קערפער און גייסט זיינען מיט אמאל געווארען שטארקער, קרעפטיגער. דער געדאנק וועגען דער מעכטיגער וואפע פון גענעראל סטרייק האט מיך געטרייסט. איך האב געטראכט:

„ווי וואלט געווען ווען יעדע שיפט פון ארבייטער קלאס דא אין לאנד וואלט אויפגעהערט פלוצים צו פראדוצירען פאר דער גאנצער געזעלשאפט? ווי וואלט געווען ווען אין איין אויגענבליק ווערט פינסטער אין די גאסען, קיין עלעקטרישער לעמפעל זאל ניט ברענען! ווי וואלט געווען ווען די אייזענבאהנען בלייבען שטעהן אין מיטען וועג און אלעס בלייבט שטום און טויט? ווי וואלט געווען ווען די מיינער, וואס ליינען באגראבען טויזענט קלאפטער אונטער דער ערד און גראבען קוילען, כדי מענשען זאלען זיך קאנען דערווארימען, געהען ארויס פון די שאכטען און זאגען:

— מיר וועלען קיין רידל ניט אויפהויבען ביז אונזערע ברידער וועלען ניט ארויס פריי!

בקיצור, ווי וואלט געווען, ווען דער גאנצער לעבענס-נערוו פון אלע אינדוסטריען און פאכען זאל אפגעטויט ווערען צוליעב'ן ווילען פון דעם ארבייטער קלאס, און נישט נאר א פאר הונדערט רייטענדע פאליסליים זאלען זיך געפינען אין די גאסען, נאר גאנצע פאלקען סאלדאטען זאלען מאביליזירט ווערען, און דאך ניט וואגען עפעס צו טאן אויס שרעק פאר די מיליאנען מאסע מענשען. מעגליך, אז ווען מען וואלט זיי באפעלען צו שיסען, וואלטען זיי אויסגעדרעהט די ביקסען צו די וואס באפעלען זיי צו טאן! ווען דאס זאל מעגליך זיין, וואלט מען סאקא און וואנזעטי'ן געלאזט פארברענט ווערען אין פייער וואס עס האט אויפגעבלאזען דער קאפיטאליסטישער פאראזיט?

באלד בין איך געקומען צו דער ווירקליכקייט, און אט די ווירקליכקייט איז ביי מיר געווארען דער הויפט בעל-דעה און האט מיר אין די אויערען אריינגעשושקעט א סוד:

ס'איז א טרוים! א טרוים! עס איז בלויז א שטימונג! און אך, ווי ווייטאגדיג דאס איז געווען.

איך האב ניט געוואלט אז דער טרוים זאל פארווישט ווערען. אבער אט דער צולאזענער מארש און צו דעם דער „בו" וואס איינינע פון די מארשירענדע האבען געגעבען לעבען „רענד סקול", ניט פארגעסענדיג זייער חוצפה אפילו אין אזא טאג, האט ווי א קלאפ געטאן איבער'ן מוח און מיך אויפגעוועקט פון מיינע חלומות.

פלוצים, אזוי ווי עס וואלט געווען, ווי דער גלויבינער זאגט, א גאט זאך, ווען די שטראמען פון מענשען האבען זיך געצווינגען, און מען האט געזונגען רעוואלוציאנערע לידער, זיינען צוויי שווארצע פויגלען דורכגעפלויגען, און איך האב דערפיהלט ווי מיר וואלטען געווען אין א פינסטערען יאמער-טאל, וואס פארשטעלט ווי מיט א שווערער דעק דאס ליכט פון די אויגען. די שווארצע פויגלען האבען א שווארצען מרה שחורה'דיגען געדאנק אריינגעשיקט אין מיין מח, די מורא אז סאקא און וואנזעטי וועלען ביינאכט דערמארדעט ווערען, ווייל דער גענעראל סטרייק איז קיין גענעראל סטרייק ניט, נאר א שפיל מיט א גרויסען דורכפאל. די באוועגונג האט ניט קיין פונדאמענט און געהט ניט מיט קיין זיכערע טריט.

געהענדיג דורך די גאסען, האבען ארבייטער, ווייזט אויס, געהערט די געזאנגען און ארויסגעשטעקט זייערע קעפ פון די שאפ-נארעס, נאכקוקענדיג די מארשירענדע. „דומע סערלען וואס איהר זענט — האט זיך צו זיי געוואלט אויסשרייען — איהר האט מורא געהאט אז איהר וועט אנווערען די בולקע, און צוליב אט דער מורא ליגט איהר אין די נארעס און קוקט איצט, מיט דער פולער דומהייט פון „באנציע שוויינס" אויף די מארשירענדע מאסען. נו, אז סאקא און וואנזעטי וועלען קומענדע נאכט געטויטעט ווערען, האט דען אייער דומהייט ניט קיין חלק אין דעם?

ווי די שווארצע פויגלען האבען אויך די דאזיגע דומע סערלען עפעס צוגעגעבען צו דער מרה שחורה.

דער געדאנק איז געפלויגען אלץ אין דערזעלבער ליניע, און דערפאר אכט איצט דער קאפיטאליסטישער שטאט קרבנות אויפ'ן מזבח פון איהר עגל הזהב. די בורזשואזי דארף קרבנות — שולדיג צי ניט שולדיג! דער וואמפיר מוז א קרבן האבען.

האט מען דען געפונען די באמבען-ווארפער פון דעם פערטען מאי 1886, אויף דעם מיטינג וואס איז אפגעהאלטען געווארען אין שיקאגא געגען דער דור-בער באנרע, וואס האבען די ארבייטער דאס לעבען פארביטערט? ניין! זיי, די בורזשואזי, האבען געדארפט קרבנות און האבען זיי געפונען. דער שארק ווייסט ניט פון קיין חכמות און שלינגט איין דעם קרבן, וואס קומט איהם אין זיין מויל אריין.

דער עולם געהט ווייטער! זינגט! שרייט! און אזוי געהט ער אויף פינפטע עוועניו און ווערט באגעגענט פון בעסטיעס אין מענשליכען געשטאלט. מען ווארפט זיך אויף זיי מיט די קלאבס, מען טרייבט אויף זיי די פערד, מען צושלאגט און מען צוטרעט'ט זיי, זיי ווערען צוטריבען — פון'ם מארש ווערט גארניט. עס הערען זיך נאר ווילדע מענשליכע קולות.

די קולות זיינען ווי א קול-קורא במדבר. די פאליציי טוט איהר ארבייט — פאכען מיט די סלאבס רעכטס און לינקס און שפאלטען מענשליכע קעפ. און אט איז שוין קיין שאטען אפילו ניטא פונ'ם מארש — יא, די באוועגונג האט ניט קיין פונדאמענט, נאר געבויט אויף א פאפירענעם בריק...

דאך האט זיך ווידער אנגעהויבען צו טרוימען און דאס איז געווען א דאנק דעם יאגען פון דער פאליציי. די שטימונג האט זיך געביטען, ס'האט זיך געדענקט וועגען די טויזענטער און טויזענטער וואס זיינען געשטאנען אויף דעם סקווער מיטינג אנגעגורט מיט מוט און טרייהייט, ניט קוקענדיג אויף דער צאהלרייכער פאליציי, און די טויזענטער און טויזענטער אין די האלס. דאס האט געגעבען מוט, אז אין ניכען וועט די באוועגונג ווידער אויפגעבויט ווערען. נייע קעמפפער, נייע קריגער וועלען זיין אויפ'ן וועג פון גלייכהייט און פרייהייט, דער ארבייטער-קאמף איבערהויפט וועט וועקען, רופען און מאנען קעמפפער נייע, ווייל נאך ניט אלעס וואס איז שעהן און זויבער איז אינ'ם מענשען דערשטיקט.

די הערשענדע מאכט, דער באשעפער פון הונגער און נויט, די מאכט וואס האט פארשקלאפט און פארפינסטערט די וועלט, באשאפט אלע מאל נייע קרעפטען, יונגע, שטארקע, דורכגעדרונגען מיט א פייער פון קאמף, מיט א טרוים פאר דער צוקונפט, פאר א שעהנערער וועלט. און זיי פארזייען אלץ נייע פרייהייטס קערענדלעך, און ווי א נאכט-וואנדערער זוכען זיי דעם וועג צו גליק און צו פרייהייט.

אינ'ם וועג צו פרייהייט און צום אמת'ן גליק וועט דער קעמפענדער מענש פיל מאל בלאנדזשען און ער וועט אין פיל פינסטערע נעכט זיך מוזען אין מיטען וועג אפשטעלען, דאך אבער וועט דער שטראהל פון ליכט זיך דורכברעכען און די זון וועט דאך אויפגעהן און וועט מיט איהרע שטראהלען באלייכטען וואס מעהר און מעהר דעם וועג פון גליק און פרייהייט, ביז דער קעמפענדער מענש וועט דעם וועג געפינען.

דער פרייהייטס וועג מוז געפונען ווערען, ווייל דאס איז דער אטעם פון דער מענשהייט, דאס איז דער געשיכטע'ס אייזערנער מוז., און לעבט אונטער יעדען שטערן און קאפ און יעדער הארץ וואו נאר א מענשליך הארץ פאר פרייהייט קלאפט, איז פאראן א פונק פון קאמף, פון טריאומף, פון זיג.

די פרייהייטס-געטין הענגט קיינמאל ניט אויף איהר הארף, זי שפילט איהר פרייהייטס-ליד טראץ דער מאכט פונ'ם בורזשוי, פונ'ם מערדער און גנב, טראץ דאס שרעקען פון עשאפאט. זי לאכט זיך אויס פון דעם אלעם, און מיט א געצווינגענער שווערד שטרעקט זי אויס איהר האנט פאר פרייהייט און מענשליבקייט. זי רעדט און פראפעצייהעט, אז א באוועגונג וועט דאך זיין — דאס וואס עס איז ניטא איצט קיין פונדאמענט מיינט נאר צו זאגען, אז די פרייהייטס-באוועגונג איז בלויז פאר א שטיקעל צייט א געפאנגענע, אבער ניט טויט.

און וואס אנבאלאנגט די מארטירער, זיי קענען ניט שטארבען, ווייל ווי האט ביירא'ן געזונגען אין א ליד:

זיי שטארבען ניט, די וועלכע
קעמפפען פאר א גרויסער זאך!
אויף עשאפאטען מעג זיך
גיסען זייער בלוט,
די זון מעג ברענען זייערע
פארבלוטיגטע קעפ,
די קערפערס זייערע מעגען
זיין געקרייצט
אויף טויערען פון שטעדט,
אויפ'ן וועג פון די פאלאצען —
דאך זייער גייסט וועט שטענדיג
לעבען אויף דער וועלט,
און מעגען אין די קומענדע דורות
דעם זעלבען שיקזאל אויך
אנדערע האבען,
דאס וועט פארשטארקען נאר
דעם גרויסען און דעם הייליגען
געדאנק,
וואס צום פראגרעס וועט פיהרען,
אונזער וועלט!

יוניטי הויז נאטיצען

פון י. מ. ל.

גאנץ יוניטי הויז און דער גאנצער אומגעגענד האלט אין איין טומלען וועגען דער פארשטעלונג פון דוד פינסקי'ס „פאליטיקס", וואס וועט געגעבען ווערען דעם קומענדען פרייטאג אוונט, אויף דער דוד פינסקי ביהנע, מיט וועלכער די יוניטי הויז שטאלצירט שוין דעם צווייטען סעזאן.

פאראיאהרען האט מען אויפגעפירט דעם זעלבען מחבר'ס „פאנאגראף", און דער ערפאלג איז געווען אומגעהויער גרויס. הא־יאהר גלויבט מען וועט דער ערפאלג זיין נאך א קאלאסאלער.

אינטערעסאנט איז, וואס אין דער יוניטי הויז קאן מען צו יעדער צייט קריגען די נויטיגע טאלאנטען, כמעט אויף יעדען געביט. מען דארף בלויז מאכען אן אויפרוף אין עס-צימער, און צעהנדליגע יונגע מענער און דאמען, זאגאר קינדער, קומען גלייך צוגעהן און בעטען זיך ממש זיי אנצושליסען אין וועלכע עס איז גרופע, צו זינגען, טאנצען אדער שפילען טעאטער.

די רעזשי הא־יאהר איז אין די הענט פון דער דראמאטישער אפטיילונג פון דער יוניטי, סיליא אווראמא.

• • •

די געסט פון דער יוניטי האבען פארבראכט אן אויסערגעוויינליכע סוף וואך, טראץ דעם רעגען, וואס האט געגאסען א גאנצען טאג שבת און זונטאג. דעם עולם אין דער יוניטי קאן מען לייכט ניט איבערשרעקען. ער איז תמיד אין א פרעהליכער שטימונג. זיינען נישטא קיין פראפעסיאנעלע טאלאנטען, זיינען פאראן פשוטע פון עולם טאלאנטען. כמעט יעדער באזוכער קאן דערלאנגען א זונג, שפרונג, טאנץ, און קוים דערלאנגט עמיצער א ניגון'דעל — צי עס איז א רוסישע פעסניע, א אידישער זמר'על, אדער אן ענגלישע נאסען לידעל, הערט מען גלייך אן עכא פון א גאנצען כאר, אפילו ווען די שטימען קומען פון צוואורפענע ווינקלען. מיט איין ווארט, די יוניטי איז א נעסט פון זינגענדיגע און מענשליכע פויגלען.

• • •

צוויי קאנצערטען זיינען געגעבען געווארען סוף וואך. איינער א פראפעסיאנעל ארגאנזירטער, און דער צווייטער, אזוי צו זאגען, אן „אימפראמטו" קאנצערט, אהן שום צוגרייטונגען. שבת ביינאכט האט דער עולם געהאט אן אמת'ען פארגעניגען פון די קינסטלער. ערשטענס, האבען זיי הנאה געהאט פון די וויציגע באמערקונגען פון חבר מארים נאוואק, וואס איז געבאך געווען הייזעריג ווי א וואנט, אנאנסירענדיג אין עס-צימער. נאך איהם האט דער 4-שטיק משונה'דיגער ארקעסטער, מיט'ן סאקסאפאן און פויק, געשפילט א ספעציעל ארגאנזירטע אוווערטורע פון „רייטער", און גאנץ נישקשה'דיג. מר. נעוויל, א גאסט, האט זעהר געשמאקפול געזונגען א פאר איטאליענישע און רוסישע ראמאנסען, און דערנאך אקאמפאנירט מיס ערנא קוקלער אויף דער פיאנא. זי האט ווירקליך באגייסטערט דעם עולם מיט איהר טאנצען, א נייעם אין דער יוניטי — א וואלץ און „די צוויי גיטארען". מר. גאלדשטיין, פון קונסט טעאטער, האט פארגעלעזען מארים ראזענפעלד'ס „ליכט", און געהאלטען דעם עולם געשפאנט, און דערנאך „דערצעהלט" א ליד, א קאמישע נאטירליך, אקאמפאנירט מיט שאפענס לויהע מארש, א ליד וואס הייסט „עס טויג ניט". נאכדעם האט אונזער אלטער פריינד קעשיר פארגעלעזען פינסקי'ס „היינטיגע יונגעלייט", וואו דער מחבר שילדערט דעם אמאליגען קאמף צווישען דעם אויפגעקלערטען יונגענמאן, דעם אידעאליסט, וואס קעמפפט לטובת הכלל, און דעם הדרדקי מלמד, מנחם. האט דער עולם זיך געקאטשעט פאר געלעכטער, און ווען ער האט געגעבען אן ענקאר, האט שוין דער עולם קיין כח ניט געהאט צום לאכען. און נאר שעהן האט געזונגען רעי מילער, וואס ארבייט אין אפיס פון דער יוניטי אין שטאדט. זי האט געזונגען קלאסישע לידער אויף דריי שפראכען. זי באזיצט א זעלטענע שטימע, און ווייס ווי אזוי צו זינגען. אפילו די קפדנים האבען געמוזט צוגעבען, אז זי זינגט אויסגעצייכענט גוט.

• • •

זונטאג ביינאכט, בעת דער שלאגס רעגען, האט מען זיך ווידער פארזאמעלט אין דעם טאנץ זאל, און עס איז ווידער געווען ששון ושמחה. אנא קאמינסקאיא האט געשפילט עטליכע נומערען אויף דער פיאנא; מר. נעוויל האט ווידער געזונגען, און רעי מילער האט ווידער באגליקט מיט עטליכע ראמאנסען. דער גוט און אלט באקאנטער רזשיימס פיליפס, מיט דער זעלטענער באריטאן שטימע, האט שטארק אמוזירט דעם עולם מיט זיינע באריהמטע נעווארענע לידלאך, אזוינע, וואו דער עולם זינגט ניט נעבעטענערהייט. מר. פיליפס איז איצט א שטענדיגע אינסטיטוציע. מר. מעקס פערסין, אן אלטער תושב פון דער יוניטי, כאר דירעקטאר, און סתם „גוד באי", האט איהם אקאמפאנירט אויף דער פיאנא. עס האבען אויך אנטייל גענומען די מיסעס מארשאק, ראוז קופערמאן און רעבעקא קאמינסקאיא, אלע אויסגעצייכענטע סאפראנאס.

ווייסט איהר, ווי עס האט זיך אנטוויקעלט די אידישע ארבייטער באוועגונג אין אמעריקא? לעזט די געשיכטע פון דער אינטערנעשאנעל ליידיס גארמענט ווארקערס יוניאן. פון דר. לואיס לעווין, און איהר וועט מיט אלץ באקאנט ווערען.

די דזשאינט באארד קאכט און רוישט מיט טעטיגקייט

(בילדער, באשרייבונגען און איינדרוקן)

פון פ. קראקאווסקי

— דעם ארגאניזאציאנעלען ווערטה און קאמפס־פעהיגקייט פון א טרייד־יוניאן קען מען נישט אפשאצען בלויז לויט איהר אויסערליכען געפילדער, לויט בילינע פראפאגאנדע און הספר'דיגע טר־מעל מיטינגען, ווי דאס טוען די קאמוניסטען, נאר דורך איהר אינווייניגסטען ארגאניזאציאנס אפאראט, איהר סיסטעמאטישער טעטיגקייט, איהר פארהאנדלונגס־ארביים מיט די באלעבאטים, איהר איינפלוס אויף דער אינדוסטריע, און איהר אויטאריטעט אין די שעפער.

לויט אט דער מאזינער מאס קען מען ערשט אמבעסטען אפשעצען דעם ווערט פון א יוניאן און זיך פון איהר שאפען א ריכטיגען בילד. די אויסערליכע פראפאגאנדע, די מיטינגען, ליפלעט פארטיילונג, שריפטליכע און מינדליכע אגיטאציע, זיינען בלויז דער ראמען פאר דעם גאנצען בילד. מען ברויכט זיך בלויז דערמאנען די געוואלדען בעת דעם געפייסטען קאמוניסטישען סטרייק ביי די פאריערס, אין דער „פרייהייט" און אין „אוספארטיזאנישען" „טאג", וועגען „טויזענטער סטרייקער" און טאג־טעגליכע מאסען־מיטינגען, און אויסגעלאזען האט זיך, אז די זעלבע פרעסע האט אפילו נים געהאט דעם מוט צו פארעפענטליכען די ליקווידאציע פון דיזען פארלוירענעם סטרייק, און ביז היינט צו טאג געהען נאך געבאך ארום נגאויות קאמוניסטלעך און זוכען ארום דעם סטרייק אין די גאסען. די פאריערס יוניאן פון דעם א. פ. אוו ל., וועלכע איז רוהיג געזעסען ביי דער ארגאניזאציאנס ארבייט, באזיצט די יוניאן, פון וואנען די קאמוניסטען זיינען פארטריבען געווארען.

דאס זעלבע איז אויך אומגעפעהר ביי די קלאוק און דרעסמאכער. די קאמוניסטען טומלען זיך נאך און פילדערן, אמת, שוין אפילו א' פינפטעל חלק ווי מיט א פאר מאנאטען צוריק, אונטער איהר איינענע אויך אונטער פרעמדע, געפייקטע „שלום" פירמעס. אין דער ווירקליכקייט אבער זיינען זיי ארויסגעטריבען פון דעם דזשאינט באארד בילדינג, פארינאנט פון לאקאל 9 בילדינג, און אהן קיין שום „סטענדינג" צו פארהאנדלען מיט די באלעבאטים פון דער אינדוסטריע. ווילען לינקע קלאוק און דרעס מאכער אנקומען אין א יוניאן שאפ, מוזען זיי זיך רעדזשיסטרירען מיט די אינטערנעשאנאל יוניאן. מיט איין ווארט, אין דער ווירקליכקייט האבען די קאמוניסטען אויפגעהערט צו עקזיסטירען אלס יוניאן פאקטאר, און זיינען פארבליבען בלויז אלס א גאסען גרופע פון מיטינג טומלער.

און בעת די קאמוניסטען טומלען זיך דא און פארטען מיט זייערע פוסטע ווינט „דעמאנסטראציעס", נעהמט די דזשאינט באארד פון דער אינטערנעשאנאל רוהיג און מיט איהר ארגאניזאציאנס ארביים, און גרייט צו דעם ווידער־אויפבוי פון דער יוניאן, אנשטאט גאסען דעמאנסטראציעס פארטיידינגט זי די טרייד־אינטערעסען פון די קלאוק און דרעס מאכער, אנשטאט מאסען מיטינגען מיט רעזאלוציעס און געפילדער, רופט זי טשעבער מיטינגען, ארגאניזירט די שעפער, קלערט אויף טרייד און יוניאן פראגען אויף אפען פארום מיטינגען און שאפט אן ארגאניזאציאנס אפאראט, וואס פארטיידיגט איצט די סקעב שעפער, און טוט הונדערטע אנדערע וויכטיגע יוניאן זאכען.

דער רעזולטאט פון דיזער שטילער, רוהיגער, גערולדיגער ארביים זעהט זיך שוין אן אין יעדער הינזיכט. אין דער גרויסער הערליכער דזשאינט באארד בילדינג קאכט און רוישט מיט יוניאן טעטיגקייט, וואו הונדערטער קאמפליינט פון יוניאן מעמבערס ווערען טעגליך ערלעדיגט, וואו טויזענטער קלאוק און דרעס מאכער מארשירען טעגליך דורך דיזען גרויסען בנין צו ערלעדיגען זייערע אינטערעסען, דיזע דזשאינט באארד איז אויך די איינציגע יוניאן קערפערשאפט וואס איז אנערקענט אין דער אינדוסטריע, און האט דעם איינציגען [illegible] די דזשאינט באארד בילדינג פון די א. ל. ג. וו. י. איז איינע פון די גרעסטע [illegible]

טעטע אפיסעס מיט אלע מאדערנע אפיס־איינריכטונגען. איידער די קאמוניסטען האבען איהר פארלאזט, מיט עטליכע חדשים צוריק, האבען זיי פון דיזער הערליכער ארבייטער היים געמאכט א תל, אזוי האבען זיי זיך דאס נוסח נעווען אן די ארימע קלאוקמאכער, ווי עס פאסט זיך פאר וואנדאלען און פאגראמטשיקעס. די לעזער פון דער „גערעכטיגקייט" געדענקען דאך מסתמא די אינטערעסאנטע שילדערונגען אין אונזער צייטונג וועגען דיזען קאמוניסטישען פארניכטונגס־בילד'. דיזע שילדערונגען זיינען זיכער נים געווען איבערטריבען. אבער איצט, אין א קורצער צייט ווייט דאס איז געשעהן, איז שוין ווידער אלעס אין דער גרעסטער ארדנונג. אלע לעמפ לייכטען שוין ווידער, די טירען זיינען ווידער אריינגעפאסט, די צע'הרג'עטע ווענט געפיקסט, די פארניכטעטע אפיסעס פאררוכט, די טעלעפאנס ווידער פארבונדען, און וואס וויכטיגער, דער אפיס סטעף, די קלוירקס און די מענעדזשערס זיינען ווידער צוריק אין זייער אייגענער היים ביי פליסיגער און, לאמיר האפען, רוהיגער יוניאן טעטיגקייט.

די בילדינג, די באאמטע און די מענשען, וואס אין דער בילדינג שטעלען מיט זיך פאר אן עלדאראדא, א שטענדיגען נעיעג, א פיבערהאפטע אייליניש, עפעס א קליינינקייט, די דזשאינט באארד מיט אלע איהרע דעפארטמענטס — דזשאבינג דעפארטמענט, דרעס דעפארטמענט, אמעריקען אסאסיאיישאן, דער אינדאסטריעל דעפארטמענט, אינדעפענדענט דעפארטמענט, פינאנץ דעפארטמענט, ארגאניזיישאן דעפארטמענט, דיוס דעפארטמענט און ערשט די אפיסעס פון לאקאלס 2, 3, 9, 22, 23 און 82. איצט שטעלט אייך אליין פאר דעם קלאנג פון די צעהנדליגע טעלעפאנס, דעם גערויש פון די עלעוויימארס און פון דעם נערוועזען אהין־און־אהער לויפען פון די מאסען, וואס קומען מיט זייערע פארשידענע פארלאנגען צו דער יוניאן. פארגעסט נים, אז בלויז אין דעם דזשאינט באארד בילדינג זיינען באשעפטיגט 95 אפיסערס, יעדער אין זיין דעפארטמענט, אין זיין ארבייטס צווייג, וואס נעמט אבער זיין דירעקטיוו פון דזשענעראל מענעדזשער, דזשוליוס האכמאן. און צו איהם איילען זיך טאקע די אפיסערס פון די פארשידענע צווייגען אזש אויפ'ן 6טען פלאר, וואו ער זיצט אין זיין אפיס שטענדיג ערנסט, שטענדיג פארזארגט, שוין אביסעל צופיל ערנסט. נאר וואס איז דען דער וואונדער? הגם אן אלטע יוניאן מיט גרויסע ערפארונגען, איז זי דאך ניי, ניי ווי נאך א שרפה. אלעס איז טאקע ניי, אבער ס'גאנט דאס הארץ וועגען דאס פארניכטעטע, און די קאמוניסטישע שרפה האט פארניכטעט דאס וואס מען קען ליידער נישט אזוי שנעל ווידער אויפבויען: די יוניאן מאראל, די פאראנטווארטליכקייט, וואס מען דארף אזוי נויטיג אין פראצעס פון ווידער־אויפבוי.

און האכמאן פיהלט דאס, זיין ערנסט איז אבער נישט אלעמאל מחמת פארזארגטקייט, נאר צוליב אנגעשטרענגקייט. די אנגעשטרענגקייט פיהלט זיך איבעריגענס אין גאנצען דזשאינט באארד בילדינג. אלעס איז אביסעל צו אומגעדולדיג, מען האט קיין צייט נים, עפעס פיהלט זיך ווי' מען וואלט געוואלט דעריאגען דאס פארניכטעטע, און מען וואלט וואס שנעלער געוואלט פארגעסען אן דער קאמוניסטישער מגפה. און ארבייט איז דאך פאראן מעהר ווי גענוג. האבען מיר דאך עטוואס א היבשע קאמוניסטישע ירושה פון הונדערטער סקעב שעפער, הפקרות אין דעם טרייד, און איצט נאך זייער איצטיגער סקעב איידזשענסי. וואס איז, אלזא, דער וואונדער, אז אלעס איז אזוי אנגעשטרענגט?

דאס איז דער רעזולטאט פון טעטיגקייט, פון אונערמידליכער טעטיגקייט אין די לעצטע חדשים. און טעטיגקייט איז דאך א סימן פון ענערגיע און לעבען. און דאס כאראקטעריזירט טאקע אמבעסטען די דזשאינט באארד בילדינג. אלעס אטעמט דארט מיט לעבען און מיט האפנונג, אז דער זיג איז אומפארמיידליך, און ווען איהר רעדט זיך נאר דורך מיט האכמאנען דערפיהלט איהר טאקע באלד זיין גלויבען, האפנונג, און זיכערקייט אין א שטארקער און קאמפספעהיגער יוניאן, וועלכע פארווישט גלייך זיין פארזארגטקייט און אנגשטרענגקייט.

און האכמאן'ס אפיס איז דער צענטער־פונקט פון דער יוניאן טעטיגקייט. פון דארט געהען ארויס אלע פלענער פון דיזען קאמפליצירטען יוניאן אפאראט; פון דארט ציהען זיך אלע פעדים וואס וועבען דעם יוניאן ארגאניזם. א שווערע אויפגאבע, וואס פאדערט א גאנצען קאלעקטיוו פון געמיינזאמער טעטיגקייט און, וואס וויכטיגער, גענענזייטיגער חבר'שער פארשטענדיגונג.

האכמאן, ער אליין געהערט צום שטאמען פון אקטיוו יוניאן טוער, וואס מיר פארמאגען אין אונזער אידישער טרייד־יוניאן באוועגונג. ווי די מייסטע, איז ער א רוסישער עמיגראנט, א יונגער רעוואלוציאנער פון דער היים אויס, און זייט ער איז אין אמעריקא, איז ער א איבערגעבענער יוניאן טוער. ער האט זיין וועג אין דער יוניאן צו דיזען וויכטיגען אמט געמאכט אויף א זעהר סאלידען אופן, זייענדיג צעהן יאהר אקטיוו אין דער יוניאן, איז ער אפט געווען א שאפ טשערמאן, און אין 1919 איז ער געווארען א אינטערנעשאנעל ארגאנייזער און געשיקט געווארען קיין שיקאגא צו ארגאניזירען די דרעס אינדוסטריע. דער רעזולטאט פון זיין ארבייט אין ניו יארק איז געווען דער זיגרייכער סטרייק אין 1923, וועלכער האט געבראכט די דרעס אינדוסטריע אין ניו יארק די 40־שעה'דיגע ארבייטס־וואך.

גלייך נאך דעם געוואונענעם סטרייק טרעט ער אריין אין ברוקוואוד קאלעדזש, פון וואנען ער קומט ארויס אין 1924 מיט נייע ערפארונגען און ברייטען וויסען אין ארבייטער פראגען. האכמאן מאכט דעם איינדרוק פון א סיסטעמאטישען ארגאנייזער, וואס האלט שטארק פון פינקטליכקייט־מעטאדען, פון וואס אונזערע אידישע יוניאן חכמים האבען אזוי אפט ליב אפצולאכען. ער איז ענערגיש און האט אין זיך יענעם פינטעלע, וואס פארשאפט זיך אויטאריטעט, און הגם ער קוקט אויס גארנישט אידישלעך, האט ער דאך אידישע נערוועז. אבער איך בין זיכער, אז דאס איז פארבונדען מיט דער איצטיגער נערוועזער איבערגאנגס־צייט אין דער ארבייטער באוועגונג, און אז עס וועט איהם געלינגען צו באזייטיגען דעם איצטיגען נערוועזען צושטאנד אין דער ניו יארקער יוניאן און פיהרען די ארגאניזאציע צו א גרויסען ערפאלג דורך זיין פליסיגער אויפבויאונגס טעטיגקייט.

אויפ'ן זעקסטען פלאר, נעבען האכמאן'ס אפיס, געפינט זיך אויך דער אפיס פון דעם פינאנץ דעפארטמענט, וועלכער ווערט פארוואלטעט פון טרעזשורער, ברודער ב. מאזור.

היינטיגע צייטען איז צו זארגען פאר די פינאנצען פון א גרויסער יוניאן נים עהר לייכט, און אויך נישט באזונדערס אנגענעהם. די אויסגאבען, וואס מען דארף האבען אויסצוהאלטען אפיסעס, וואס איך האב שוין איבערגערעכענט, איבערשטייגען אפשר דעם בודזשעט פון א קליינער אייראפעאישער מדינה'לע. עס געהט אין די שווערע הונדערטער טויזענטער דאלאר יעהרליך, און דאס אלעס איז אויף מאזור'ס קאפ געבאך.

דאס אריינגעהן אין דזשאינט באארד איז נים געווען אזוי לייכט ווי מאנכע מעמבערס רעכענען. די קאמוניסטען האבען דאך אלעס פארניכטעט, און יעדעס פיצעלע האט געקאסט בלוט, און דאס אין צייט פון ארבייטסלאזיגקייט, ווען מען צאהלט געוויינליך קיין דיוס נים. און דאך איז אלעס געשעהן מיט בליץ־שנעליגקייט. יעדער אפיס איז ווידער אין גרעסטער ארדנונג, די גאנצע בילדינג איז מוסטערהאפט ריין. די עלעווייטערס, די טעלעפאנס, — אלעס ווי געווען, אפילו מיט אמאליגע פרישע ביינעל איז דער דאון־סטעירז אויך באזארגט.

מאזור צייגט שוין אז ער איז א פעהיגער פינאנץ מיניסטער. איבעריגענס איז מאזור, פונקט ווי האכמאן, קיין פנים חדשות אין דער יוניאן. זייט 1906 אין אמעריקא, איז ער אלעמאל געווען אן איבערגעבענער יוניאן טוער, אן אקטיווער ארבייטער רינג מעמבער און איז מיטגליד פון דער נאציאנאלער עקזעקוטיוו פון אידישען סאציאליסטישען פארבאנד. פון 1918 ביז צו דער ליניקער סומאטאכע איז ער געווען א ביזנעס אייידזשענט, און לעצטענס איז ער גערופען געווארען אויף דיזען וויכטיגען יוניאן פאסטען.. מאזור איז נאך געקומען גאנץ יונג אין אמעריקא, און טראצדעם באזיצט ער נאך אין א היבשער מאס דעם זאפטיגען היימישען אידעאליזם, און פארשטעהט גוט די יוניאן און דאס אמעריקאנישע לעבען.

פאר א עמיגראנטען ארגאניזאציע איז אזא נעמיש פון אלט היימישקייט און אמעריקאניזם זעהר נוצבאר. דאס מאכט איהם באליבט ביי די מעמבערשיפ און ביי די טוער, וואס עס איז זעהר וויכטיג פאר זיין אמט. צוזאמען מיט האכמאנ'ען געהערט ער צום בעסערען אידעאליסטישערען טיפ יוניאן לייט.

אין די ווייטערע ארטיקלען וועלען מיר רעדען מיט אונזערע לעזער וועגען די פארשידענע ארבייטען פון די דעפארטמענטס, און פון די לאקאל יוניאנס און זייערע פארטרעטער.

אין דער סעמפל מאכער יוניאן, לאקאל 3

פון ד. רובין, סעקרעטאר

פאר די לעצטע צוויי מאנאטען האבען מיר קיין לאקאל־מיטינגען נים אפגעהאלטען. מיר האבען געווארט, ביז דער סעזאן וועט זיך איינשטעלען, און דאן וועלען מיר רופען א לאקאל־מיטינג. איצט, ווען דער סעזאן איז שוין כמעט אין פולען גאנג, האט אונזער עקזעקוטיוו באארד ביי איהר לעצטען מיטינג באשלאסען צו רופען א לאקאל־מיטינג אויף שבת דעם 20טען אויגוסט, פונקט 12 אזייגער מיטאג, אין 231 איסט 14טע סטריט.

דער איצטיגער לאקאל־מיטינג איז אן אויסערגעוועהנליך־וויכטיגער. פילע פראגען האבען זיך אנגעזאמעלט, איבער וועלכע מיר וועלען דארפען דיסקוסירען און פאסען באשלוסען. דער סעזאן איז דא, און פילע פון אונזערע מעמבערס ארבייטען נים. מיר מוזען איינמאל פאר אלעמאל געפינען אן אויסוועג, ווי אזוי צו פארקלענערען די צאל פון אונזערע ארבייטסלאזע שניידער. דאס איז א זעהר וויכטיגע פראגע, וועלכע מיר מוזען אויפנעהמען ביי אונזער לאקאל־מיטינג. די לאגע פון אונזער לאקאל איז א צווייטע וויכטיגע פראגע, מיט וועלכער דער לאקאל־מיטינג וועט זיך דאס מאל מוזען פארנעהמען. די מעמבערס מוזען דעם לאקאל שטעלען אויף א זיכערען באדען, אויף א געזונטען פונדאמענט, אויב זיי ווילען האבען א ווירקזאמען לאקאל.

ווייטער זיינען נאך דא אנדערע פראגען, וועלכע מיר ערווארטען אויפצונעהמען ביי דעם מיטינג. מיר ערווארטען, אז פילע שאפ־טשערליים זאלען אפגעבען וויכטיגע רעפארטען, וואס עס טוט זיך אין זייערע שעפער. דאס איז פון גרויס וויכטיגקייט, ווייל דאס איז די איינציגע געלעגענהייט פאר אונז צו ווערען באקאנט מיט דער אמת'ער לאגע אין אונזערע שניידער־שעפער. און דעריבער דערמאן איך נאכאמאל: ליינט אלעס אפ אויף שפעטער און קומט צו אייער לאקאל־מיטינג.

מיר ווילען אויפמערקזאם מאכען די מעמבערס פון אונזער לאקאל, וועלכע האבען דאס „גליק" שוין צו ארבייטען, אז זיי, מעהר ווי אנדערע, קאנען גיכער [illegible] צו באצאהלען די דיוס, וואס זיי זיינען שולדיג צום לאקאל. עס איז איבעריג צו דערציילען און אויפווייזען, אז דער לאקאל נויטיגט זיך זעהר אין פינאנציעלע מיטלען, און דער איינציגער איינקונפט, וואס דער לאקאל האט, איז די דיוס, וואס די מעמבערס צאלען. ווי באקאנט, האבען מיר באדארפט איינארדנען איינגאנצען א נייעם לאקאל, אלעס האבען מיר געמוזט קויפען אויף דאס ניי, פון דעם קלענסטען ביז'ן גרעסטען. און איהר פארשטעהט דאך, ברידער, אז דאס אלעס קאסט געלט. א חוץ דעם, דארף דער לאקאל האבען געלט, אום צו קאנען פונקציאנירען אלס א יוניאן־לאקאל. און איהר, ברידער, זייט די איינציגע דעם לאקאל ארויסצונעמען פון זיין געקוועלטער לאגע. איהר דארפט באלד, נים אפלייגענדיג אויף שפעטער, אנפאנגען אפצאלען אייערע שולדען אין דיוס און דערמיט פארלייכטערען די פינאנציעלע לאגע פון אייער לאקאל.

און שולדיג, מיינע ברידער, זייט איהר גענוג. זאמעלט־זשע נים אן נאך מעהר, ווארים עס וועט זיין פאר אייך נאך שווערער צו באצאלען. פאנגט איצט אן, וועט אייך זיין לייכטער אויסצוצאלען. אויב איהר קענט נים אליין ארונטערקומען אין אפיס, בעט אייער שאפ־טשערמאן אדער אן אנדערען ארבייטער פון אייער שאפ, און ער וועט דאס זיכער טאן פאר אייך. טוט אלעס און זעהט צו באצאלען אייער דיוס. האט אין זינען, אז אייער לאקאל קען נים געפיהרט ווערען געהעריג, אויב איהר פארהאלט זיינע פינאנסען. די פינאנציעלע שטיצע פאר אייער לאקאל איז פונקט אזוי וויכטיג ווי אייער מאראלע שטיצע. ביידע געהען האנט אין האנט. איינע אהן דער אנדערער קען נים ווירקען.

* * *

ביי דעם לעצטען עקזעקוטיוו באארד מיטינג איז אונזער לאקאל פרעזענטירט געווארען מיט א שעהנעם וואנט־זייגער פון א צאל אקטיווע מעמבערס פון אונזער לאקאל, וואס ארבייטען ביי דער פירמע מארים בענדלער. דער לאקאל דריקט אויס א הארציגען דאנק פאר דעם געשאנק צו די עטליכע אקטיווע טוער פון אונזער לאקאל און לאדט איין אונזערע מעמבערס צו קומען א קוק טאן ווי שעהן ס'איז. בפרט דארף עס האבען דער שרייבער פון די צייל(ע)ן.

צווישען איבענע

(נאטיצען וועגען ענינים פון דער ארבייטער באוועגונג)

פון ה. לאנג

א. מוק איז א סאציאליסטישער פובליציסט, און א פאראנטווארטליכער. זיינע ווערטער וועגט ער. איז ניט פאר־שווינדעריש. ער איבערטרייבט ניט. קלייבט זיי איבער, די ווערטער. ער טראכט. האט ער אבער אין'ם „וועקער" פון 13טען אויגוסט אפגעדרוקט אן ארטיקעל, אין וועלכען עס איז דא ניט־פינקטליכע אינפארמאציע. און נאך א סך. ער שרייבט:

„די מיליאנען יוניאניזירטע ארביי־טער פון אונזער רעפובליק (ער מיינט: אמעריקע) געהען ניט אריין אין קיין שום יוניאן אינטערנאציאנאל, זיי זיינען אפגעריסען פון דער גרויסער ארבייטער משפחה פון גאר דער וועלט".

(אונטערשטראכען פון מיר. — ה. ל.)

ווייס איך אבער, און עס ווייסען, דאכט זיך, אלע אז די יונייטעד מיין וואירקערס פון אמעריקע איז אנגעשלאסען אן דעם מאינער־אינטערנאציאנאל; און די בראדערהוד אף קארפענטערס איז אנגעשלאסען אן דעם האלץ־ארבייטער אינטערנאציאנאל; און די בראדערהוד אף פיינטערס איז אנגעשלאסען אן דעם מאהלער־אינטערנאציאנאל; און די מא־שיניסטען זיינען אנגעשלאסען אן דעם מאשיניסטען־אינטערנאציאנאל; און אלע יוניאנס פון'ם מעטאל טריידס דעפארט־מענט פון דער אמעריקען פעדערישאן אף לייבאר זיינען דורך אט דער צענט־ראלע טאקע אין פארהאנדלונגען זיך אנצושליסען אן דעם אינטערנאציאנאלען מעטאל ארבייטער פארבאנד, און דער־וויל האבען זיי איינגעשטעלט א געגנ־זייטיגע קאמוניקאציע; און די יוניאנס אין אונזערע צרה'דיגע נאדעל־טריידס זיינען אויך אנגעשלאסען אן א שניידער אינטערנאציאנאל.

טא וואו קומט דא אריין נעג. א. מוק'ס באהויפטונג — „די מיליאנען יו־ניאניזירטע ארבייטער פון אונזער רע־פובליק געהען ניט אריין אין קיין שום יוניאן־אינטערנאציאנאל"?

מיר זיינען אפגעריסען פון דער גרוי־סער ארבייטער משפחה פון גאר דער וועלט — אינפארמירט נעג. א. מוק די לעזער פון „וועקער". איז ער מסתמא אליין ניט אינפארמירט אז די יעהרליכע באגעגענישען צווישען דער אמעריקען פע־דערישאן אוו לייבאר און דעם בריטי־שען טרייד־יוניאן קאנגרעס דורך פרא־טוירנאל דעלעגאטען פון ענגלאנד צו די קאנווענשאנס פון דער אמעריקען פע־דערישאן אף לייבאר און דורך פרא־טוירנאל דעלעגאטען פון אמעריקע צו די טרייד יוניאן קאנגרעסען אין ענג־לאנד זיינען געווארען א סארט אינסטי־טוציע ניט צו באריהרען, ניט צו פאר־שווענכען.

איך ווייס ניט ווי עס איז אין ענג־לאנד; אין אמעריקע איז דער טאג, ווען די ענגלישע דעלעגאטען טרעטען אויף, א יום־טוב. עס איז דער קאנווענ־שאן־טאג, צו וועלכען מען גרייט זיך. אזוי די פיהרערשאפט, אזוי די „רענק־און־פאיל"־דעלעגאטען. מען ערווארטעט ניט בלויז א רעדע. מען ערווארטעט זיך צו דערוויסען זאכען און וועגען פרא־בלעמען פון א לאנד אדער פון א קאנטי־נענט, וואס וועט ברענגען צו „אן אויס־בליק אין דער ווייטער וועלט", צו „א ברייטערען האריזאנט, א ליכטיגערען פרייערען קוק אויך אויף די אייגענע אינווייניגסטע שווערינקייטען".

און איך האב א געפיהל אז אין דער אמת'ן איז דאס זעלבע אין ענגלאנד. איך לערען דאס פון דעם וואס מיט יע־דען יאהר דערזעהען מיר דא אנקומען פארטרעטער פון דער בריטישער ארביי־טער באוועגונג וועלכע זיינען „שוין ניט קיין גרינע", זיינען גוט באהאווענט מיט אמעריקאנער מעטאדען, ווייסען אז דאס איז א רעזולטאט פון אמעריקאנער איי־גענארטיגקייט אויף אלע לעבענס־געבי־טען, און האבען דעם נויטיגען רעספעקט צו דער אמעריקאנער ארבייטער באוועגונג.

נעג. א. מוק שרייבט:

„דאס איז דאך אן ארגאניזאציע (ער מיינט: די אמעריקען פעדערישאן אף לייבאר), וואס האט אין זינען נאר דעם היינט, וועלכער דארף זיך ציהען און ציהען ביז אייביג און אייביג. קיין נייעם מארגען, וואס זאל זיין פון גרונד אויס אנדערש ווי דער היינט, דערווארט זי ניט".

איז דאס ווידער ניט־פינקטליכע אינ־פארמאציע.

אין אמעריקע איז פאראן א רייכע עקאנאמישע ליטעראטור איבער דאס וואס מען רופט „אינדוסטריעלע דעמא־קראטי" — דער ציל־פונקט פון דער אמעריקאן פעדערישאן אף לייבאר, פון דער גאנצער אמעריקאנער ארבייטער בא־וועגונג. און אין אלע טריט פון דער אמעריקאנער ארבייטער באוועגונג, סיי דורך רעזאלוציעס און דעקלאראציעס, און סיי דורך א כסדר'דיגען זיך־אריינ־וועבען אין אלע לאנד־ערשיינונגען, איז דא א שטרעבען אויך צו א סאציאל־דעמאקראטי.

קוקט, אלזא, אויך די אמעריקאנער ארבייטער באוועגונג צו א „נייעם מאר־גען".

„די בורזשואזיע פון לאנד נעמט ניט קיין אנטייל אין דער פעלקער־ליגע, דאר־פען די ארבייטער פון לאנד ניט נעמען קיין אנטייל אין אמסטערדאם" — אינ־פארמירט נעג. א. מוק, אז דאס איז דער בליק פון דער אמעריקאנער יוניאן־באוועגונג.

ניט־פינקטליכע אינפארמאציע.

די אמעריקען פעדערישאן אף לייבאר איז געווען און געבליבען דער איינ־ציגער פראגרעסיווער כח צו ווירקען אז אונזער רעפובליק זאל יא נעמען אן אנ־טייל אין דער פעלקער־ליגע. האט שוין פארשטעהט זיך געארבייט אז די אר־בייטס־אפטיילונג פון דער פעלקער־ליגע (אינטערנעשאנאל לייבאר אפיס) זאל זיין אנערקענט און ווירקענד. דאס איז דאך געווען איינע פון גאמפערס'עס גרויסע אויפטואונגען אין די נאך־מלחמה טעג. און אן אויפטו זיינער איז אויך געווען צו העלפען באשאפען „אמסטער־דאם" גלייך נאך דער מלחמה. די אמע־ריקאנער ארבייטער באוועגונג האט זיך ניט נאר באטייליגט אין דער גרינדונגס־פארזאמלונג פון אמ־סטערדאמער אינטערנאציאנאל, נאר טא־קי געווען אקטיוו אין דער גרופע לענדער צו באשאפען א טרייד יוניאן אינטערנא־ציאנאל.

און ס'איז געוויס אנצונעהמען, אז ווען דער ערשט־אפגעהאלטענער קאנגרעס פון אמסטערדאמער אינטערנאציאנאל האט געעהרט דעם אנדענק פון סעמועל גאמ־פערס איז דאס טאקע געווען צוליב אט די ארבייט זיינע.

נעג. א. מוק אינפארמירט אויך ניט־פינקטליך פאדוואס די אמעריקען פעדע־רישאן אף לייבאר איז ארגאניזאציאנעל איצט ניט אנגעשלאסען אן אמסטערדאם. דא קומען אריין א סך ניט־פינקטליכ־קייטען. איין ניט־פינקטליכקייט איז די:

„אז מען וועט זיך זעצען ביי איין טיש מיט די שלימזאלניקעס פון איי־ראפא, קען מען נאך דארטען אמאל בא־רירען די קראנקע פראגע וועגען עמי־גראציע, וועגען אפענע און פארמאכטע טירען..."

דאכט זיך, אז די אמעריקען פעדע־רישאן אף לייבאר איז שוין ניט מעהר די איינציגע לאנד־ארגאניזאציע פון אר־בייטער קלאס וואס זוכט צו פארקוקען אזא „קראנקע פראגע". ווען נעג. א. מוק וואלט אנגעפרעגט זיינעם א נא־הענטען קאלעגע, נעג. א. ליטוואק, וואלט ער געהערט עטליכע ביטערע אמת'ען. א. ליטוואק וואלט איהם דערצעהלט אז ער האט פאר א יאהרען אין סעפטעמ־בער נומער "צוקונפט" געשריבען אן אפשאצונג פון דעם ערשטען וועלט־קאנ־גרעס וועגען עמיגראציע און אימיגראציע, וואס איז פארגעקומען אין מאנאט יוני אין לאנדאן, און איז געווען צונויפגערו־פען פון דעם אמסטערדאמער אינטער־נאציאנאל פון די טרייד יוניאנס און פון דעם סאציאליסטישען ארבייטער־אינ־טערנאציאנאל, און אז ער האט זיין אפ־שעצונג געשריבען מיט וועהטאג.

ווארים, ערשט ביי דעם קאנגרעס האט זיך ארויסגעוויזען אז א שטימונג געגען „פרעמדע" הערשט אי ביי די קאנאדער און אויסטראליער, אי ביי די פראנצויזען, בעלגיער און ענגלענדער...

אומפינקטליכקייטען זיינען אויך דא אין די אויספיהרונגען נעג. א. מוק'ס — וואס אן ארגאניזאציאנעלע פארבינדונג צווישען דער אמעריקען פעדערישאן אף לייבאר און דעם אמסטערדאמער אינ־טערנאציאנאל וואלט געבראכט. בעת עס איז אנגעגאנגען דער קוילען־סטרייק אין ענגלאנד זיינען אין ענגלאנד אנגעקומען קוילען אויך פון לענדער וואס זיינען אנ־געשלאסען אן „אמסטערדאם". און בעת אין אמעריקע איז אנגעגאנגען דער קוי־לען סטרייק אויף די „הארטע" קוילען־פעלדער זיינען דא אויך אנגעקומען קוי־לען פון לענדער אנגעשלאסען אן „אמ־סטערדאם". אמת'ער קלאסען־אחדות איז נאך בכלל ווייט. און טראכטען וועגען מיטלען אפצוזאמען א לאנד וואו עס געהט אן א גרויסער סטרייק איז נאך דערוויל א פאנטאסטישער טראכטען. און מ'קען ניט אריינגעמען די ארביי־טער באוועגונג פון דער וועלט אין איי־נעם הויפען און זי דירעקטירען מיט די פינגער פון דער צווייטער האנט. נאך דאס איז פאלעמיק, און איך האב גע־וואלט אנווייזען אויף א פאר אונפינקט־ליכקייטען — ניט מעהר.

• • •

רעדענדיג וועגען דער אינטערנאציאנאלער ארבייטער באוועגונג — פארט איצט א מלחמה'לע צווישען די באהן־יוניאנס פון קענעדע און סי. ט. קרעמפ, אינדאסטריעל סעקרעטער פון די באהן־ארבייטער אין ענגלאנד.

און עס האנדעלט זיך וועגען אמע־ריקע.

די באהן־יוניאנס פון קענעדע געהע־רען צו די באהן־יוניאן־אינטערנעשאנעלס פון די פאראייניגטע שטאאטען. סי. ט. קרעמפ איז געווען א גאסט אין קענעדע, און קומענדיג צוריק אהיים אין ענגלאנד האט ער פארעפענטליכט אין די צייטונ־גען אז ער האט געפונען אין קענעדע א רעוואלט... די קענעדער יוניאנס ווי־לען מעהר ניט ווערען באהערשט פון די יוניאנס אין די פאראייניגטע שטאאטען.

שרייבט איצט די מאנאט־שריפט „פעדערייטער רעילוועימען", וואס ווערט ארויסגעגעבען פון די קענעדער באהן־יוניאנס, אז קרעמפ האט זיך ווייניג וואס נע'חבר'ט מיט די יוניאנס ווען ער איז געווען אין קענעדע. ער האט גע־האט אינסטרוקציעס פון'ם אינטערנא־ציאנאלען טראנספארט־ארבייטער פאר־באנד צו באזוכען די באהן־יוניאנס אין קענעדע, און ער האט עס ניט געטאן. וואלט ער עס געטאן, וואלט ער געפי־נען א גאנץ אנדער לאגע, שרייבט דער „פעדערייטער רעילוועימען". די מא־נאט־שריפט קומט צום שלוס, אז עס איז אן אלגעמיינע צרה מיט די ארבייטער פיהרער, אייראפעאישע געסט, וועלכע קומען אויף דער זייט ים שטודירען די היגע ארבייטער באוועגונג. זיי זוכען דא נאר וואס זיי ווילען געפינען...

און ברודער פריני, וועלכער איז דער ערשטער מכניס אורח צו אלע ארביי־טער פיהרער, אייראפעאישע געסט, וועלכע קומען אהער, זאגט מיר:

„אן אויסנאהם פון אלע איז געווען פיטער גראסמאן פון דייטשלאנד. ער איז ווירקליך געקומען אהער זיך באקע־נען מיט דער היגער ארבייטער באווע־גונג. זיין גרוס שפעטער אין דערהיים איז געווען —

„דייטשלאנד און אמעריקע (די אר־בייטער באוועגונג פון ביידע לענדער) דארפען זיך באטראכטען פאר צוויי פארהייראטע שוועסטער. יעדע זאל זיך האבען איהר לעבען, אבער ביידע זאלען שוועסטערליך בענקען איינע נאך דער צווייטער..."

רייכע און אינהאלטסרייכע קאנווענשאן. אונזערע אייגענע מאמענטאנע פראבלעמען מעגען אפילו זיין ניט נאהענט פארבונדען מיט די פראבלעמען פון די שניידער ארבייטער אין אייראפא, אבער קיינער קען ניט אפלייקענען אז אונזער פרויען קליידער־אינדוסטריע, מעהר ווי אירגענד אן אנדער אמע־ריקאנער אינדוסטריע, ווערט שטארק באאיינפלוסט פון דער באקליידונגס־אינדוסטריע אין דער אלטער וועלט. אין דעם זינען זיינען פאריז, לאנדאן, ווין און בערלין נאהענטע שכנים פון ניו יארק און שיקאגא.

* * *

די מיטגלידער פון אונזער אינטערנעשאנאל האבען אימער געשעצט דיזע פארבינדונג פון אונזער יוניאן מיט דעם אלוועלטליכען שניידער־פאר־באנד. לאמיר האפען אז די צייט איז שוין ניט ווייט ווען מיר וועלען בא־קומען די מעגליכקייט ווידער געמיינשאפטליך צו ארבייטען מיט אונזערע שוועסטער שניידער־יוניאנס פון אייראפא, צו זיין פארטראטען ביי זייערע קאנגרעסען און צו העלפען איינע די צווייטע אויף פארשיידענע אנדערע נוצליכע וועגען.

פארברענט די קאפאטע

(שאפ בילד)

פון אב. קארלין.

פערזאנען:

וואלטער (א יונגער עלעווייטער באי, א שווארצער).

מאקס (איינער פון די אפרייטארס פון שאפ).

מענדל (א מענעדזשער פרעסער).

בעני (א סעמפל מאכער. א היציגער).

בערע וועלוועל דער „קאמוניסט" (אן עלטערער שניי־דער).

פעני (א לייענרין).

סערע (א „האנט" אין שאפ, א יונגע שעהנע מיידעל).

צושניידער, מאשינע מיידעל, באס, דע־זיינער, נאך אפרייטארס, פינישערס און פרעסערס.

ארט: א קליינער שאפ אין „גארמענט צענטער".

צייט: געגענווארטיגע סלעק.

ערשטע סצענע

(אין עלעווייטער צווישען ערשטען און דריטען שטאק).

וואלטער (נאך א נייעם דזשעז טענצעל): זינגמאן. וואט'ס דאט מין זינגמאן, זינגמאן?

מאקס (ערנסט): אים איז עי נעים אוו עי פוירסען, א נאמען פון א מענשען דאטס'אל, דאס אלעס, ניט מעהר.

וואלטער (מיט אן אפענעם מויל, פון וועלכען עס לייכטען ארויס צוויי ראנגען ווייסע ציין): וואט'ס דאט מין באדי סעי זינגמאן? וואטס דאט אין זינגמאן, זינגמאן? (לאכט קווישיק).

מאקס (נאך ערנסטער): הי איז דהי פרעזידענט אוו דהי אינטערנעשיא־נעל, אוו דהי יוניאן!

וואלטער (גרייט צו פארמאכען די טיר): ווהאט'ס דאט מין אינטער־נעשיאנעל?

מאקס (מיט הארץ): אלל דהי ניישאנס — אידען, איטאליענער, איירי־שע, און אלל דהי קאלארס: ווייסע, שווארצע, רויטע און געלע... עוורי וואן! אים איז עי שעים, וואלטער, דאנטשיו נאו סאטש סימפל טינג — אינטערנע־שיאנאל? (גיט איהם א גלעט איבער'ן פלייצע): יעס, אים איז עי שעים, וואל־טער, אינטערנעשיאנעל מיינט אלל דהי ניישאנס, אלע נאציאנען פון דער וועלט...

וואלטער (האלט שוין ביים פארמאכען די דרויסענדיגע טיר): סו סנארער און קאמפאני (די טיר פארמאכט זיך. עס הערט זיך פון אינווייניג פון עלעווייטער א הארציגער געלעכטער).

צווייטע סצענע.

(אין שאפ).

רעכטס: מאשינען, צו צוויי אין א רייי ביי דער באפענסטערטער זייט וואנט. לינקס: לאנגע פרעסטישען אין דער לענג און ברייט. אנטקעגען: א ני־דעריגער טיש מיט 4 פרעס־אייזענס. דערביי א צובראכענע פיגור, הענגערס א. אז. וו. דאס ליכט קומט פון משיגען־זייט און פון א גרויסען ווייסען עלעקטרישען לאמפ אי־בער'ן פרעס־טיש. אביסעל ווייטער, א פאר־האנג מיט אן אויסגעצויגענע משין פאר'ן סעמפעל מאכער. פון דארטען קומט אן דער באס, דער דעזיינער און די איבעריגע טעכטער פון שאפ.

ווען די סצענע הויבט זיך אן געפינען זיך פאר די אויגען: מאקס, וואס געהט נאר וואס ארונטער פון עלעווייטער, און מענדל דער מענעדזשער פרעסער.

מענדל: האלא, מאקס.

מאקס: א גוטער מארגען אייך. איז אייך נאר ניט אומעטיג אליין אין שאפ?

מענדל: אז עס איז אומעטיג קען מען זיך דען העלפען?

מאקס: איך וואלט אליין ניט געקענט זיין אין שאפ.

מענדל: נו, וואס זאגסטו בע־סער אויף זינגמאנען, האט א פאדם, א קערוסעל, לופ־דע־לופ. האט־דאנם!

מאקס (מיט איינגעהאלטענער רו־היגקייט): עס איז ניט אמת!

מענדל: א פאטאגראפיע, אן אדווערטייזמענט!

מאקס (אויפגערעגטער): עס איז א ליגען, א געמיינער, נידערטרע־טיגער ליגען. א בלבול, א ממזר בלבול.

מענדל (שלעפט ארויס פון קעל־שענע א צייטונגס אויסשניט): נא, זעה, לייען. (שטופט איהם אין פנים).

מאקס (שטופט איהם אויף צוריק): וואס טוינן מיר די נארישע מעשיות, איר האט א לייידיגען הייסען אייזען, איך דארף אויספרעסען די קאפאטע (ווייזט זיין צוקנייטשטע, אנגעשוואלענע ראק פון נעכטיגען רעגען).

מענדל: יע, נאר מאך עס גיכער, דער באס וועט מיר מסתמא באלד ברענגען זיין סוט אויך...

מאקס (קלייבט פון די קעשענעס פאפירלאך, סיגארעטס, א שפיגעלע, א קעי־

(שלוס אויף זייט 10)

GERECHTIGKEIT

A Jewish Labor Weekly

Published every Friday by the International Ladies' Garment Workers' Union

Office: 3 West 16th St., New York, N. Y.

MORRIS SIGMAN, President — A. BAROFF, Sec'y-Treas.

MAX D. DANISH, Editor

Subscription price paid in advance: $1.00 per year.

Vol. IX. No. 33 — Friday, August 19, 1927

Entered as Second Class matter April 16, 1920, at the Post Office at New York, N. Y., under the act of August 24, 1912.

Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in section 1103, Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919.

אַמוניציע פאַר אונזער קאַמפּיין!

מיר ווערען געוואויר אז די קלאוקמאכער פאנגען אן ערנסט צו באטראכטען די פראגע פון דיוס ביי די לאקאלע און שאפ־מיטינגען. עס ווערט אלץ שטארקער און אפטער ארויסגעבראכט דעם געדאנק אז עס איז העכסט נויטווענדיג אז איטליכער מעמבער זאל זיין פול באצאהלט, און אז די צייט איז געקומען אז מען זאל אפגעבען דער יוניאן דעם חוב וואס מען האט ביז איצט נים געקענט נאכקומען.

דיזע אויפפאדערונגען ביי אונזערע מיטינגען שיינען אונז צו זיין א צייכען פון א געזונטען צושטאנד, פון א צוריקקומען פון נארמאלען ארגאניזאציאנס־לעבען. עס איז דאך קיין פראגע נים, אז די ארבייט פון שאפען א סאלידען פינאנציעלען באדען פאר אונזערע ניו יארקער קלאוק און דרעס לאקאלען און פאר'ן דזשאינט באארד איז א טייל פון דעם אלגעמיינעם קאמפּיין אויפצובויען אונזער יוניאן, וואס מיר פיהרען איצט אן. איינס איז שטארק פארבונדען מיט דאס צווייטע, און איינס אהן דאס אנדערע קען קיין דויערענדען ערפאלג נים האבען.

* * *

מיר האבען זיך ביז איצט צוריקגעהאלטען פון רעדען וועגען דער דיוס־פראגע צוליב עטליכע טעמים. ערשטענס, זיינען פאר א צייט פאר דער יוניאן געשטאנען פילע אנדערע וויכטיגע פראגען וואס זיינען מאמענטאן דאן געווען דער צענטער־געוויכט וואס האט צו זיך געצויגען די גאנצע אויפמערקזאמקייט. אויסער דעם זיינען די גרויסע מאסען פון אונזערע ארבייטער פאר די לעצטע עטליכע מאנאטען נים געווען אין די שעפער, צוליב די לאנגע סלעק.

איצט, אבער, האט זיך דער סיזאן אנגעפאנגען, און עס איז מאקע לאגיש און פראקטיש, אז די מיטגלידער אין די לאקאלס, צוגלייך מיט די איינצעלנע שעפער, זאלען אנפאנגען ארויפשטעלען די דיוס־פראגע אויפ'ן טאגעס־ארדנונג. אזוי פיהרט זיך עס ביי ערנסטע און איבערגעבענע טרייד־יוניאניסטען. די גרויסע מאסען ווערען איצט באקאנט מיט דעם פאקט אז אונזער דזשאינט באארד האט אויף זיך גענומען זעהר אן ערנסטע אויפגאבע — איינע פון די שווערסטע אויפגאבען וואס די קלאוקמאכער יוניאן האט זיך פארמאסטען אויסצופיהרען פאר יאהרען לאנג. דער ערפאלג פון דיזער אונטערנעמונג הענגט אפ הויפטזעכליך אן דער איבערגעבענהייט און זעלבסט־אויפאפפערונג פון די טעטיגע פרייוויליגע מוח און בויער פון אונזער יוניאן. איטליכער מענש, וואס האט אבער א באגריף פון ארגאניזאציאנס־ארבייט, ווייס אויך צו דער זעלבער צייט, אז אויסער ענטוזיאזם און באגייסטערונג דארף אזא ווייט־פארצווייגטער קאמפּיין האבען אויך געלט־מיטלען, און דיזע געלט־מיטלען וועט אונזער יוניאן נים באקומען פון פרעמדע קוועלען. אונזערע קאמפּ־מיטלען קענען מיר באקומען בלויז פון אונזערע מיטגלידער אליין — אין דיוס און אנדערע ביטרעגע, וואס זיי זיינען שולדיג דער ארגאניזאציע.

* * *

אט דיזער איינפאכער, קלארער און פראקטישער געדאנק איז לעצטע וואך זעהר געלונגען אויסגעדריקט געווארען ביי א מיטינג פון דעם אפערייטאר'ס לאקאל פון ברודער קאפלאן, דער טשערמאן פון לאקאל. מיר נעמען פון זיין רעדע ארוים עטליכע שטעלען:

„ווען די אינטערנעשאנאל האט לעצטען ווינטער איבערגענומען די פיהרונג פון די לאקאלס און פון דזשאינט באארד, האט זי געפונען א בארג מיט רואינעס, חובות און אן אומגעהויערע צאהל סקעב־שעפער, יעדער איינער, וואס איז אריין אין דינסט צו דער יוניאן ביי יענעם מאמענט, האט געדארפט אויסשטעהן שווערינקייטען, אפשר און ליידען אהן א שיעור.

„אונזער קאמף צו רעטען אונזער יוניאן איז אבער געלונגען, און מיר האבען זי ענדליך אויסגערייניגט פון די פאררעטערישע עלעמענטען. מעמבערס האבען אנגעהויבען פרייער אפצואטעמען. זיי קענען גערן אין גאס ווי פרייע בירגער, און אונזערע שונאים האבען געמוזט סטאפען דעם סאבאטאזש אין די שעפער. מיר האבען פארטריבען זייער טעראר און האבען אויפגעלעבט צוריק אונזער יוניאן אלס א פרייע, דעמאקראטישע קערפערשאפט.

„מיר האבען אבער נאך א גרויסען שטיק וועג צו דעקען. מיר דארפען נאך ארגאניזירען די הונדערטע סקעב־שעפער, און פאר דעם דארפען מיר האבען געלט־מיטלען. קיין אויטסיידיגע באנקירען וועלען אונז נים פינאנסירען אונזער ארבייט. מיר דארפען זיין אונזערע אייגענע באנקירען. מיר אלע מוזען זעהן צו באצאהלען אונזערע דיוס אין פאראויס. דאן וועלען מיר קענען פארצעהנפאכען אונזער טעטיגקייט; דאן וועלען מיר קענען אנווארפען א מורא אויף די סקעבישע באלעבאטים און קענען קריגען צוריק דעם נויטיגען קאנטראל אין די שעפער".

* * *

אט דיזע געצעהלטע שורות דערקלערען די גאנצע דיוס־פראגע ביים איצטיגען מאמענט שארף און דייטליך. די קלאוקמאכער און דרעסמאכער האבען אין פארלויף פון די לעצטע זיבעצעהן יאהר, זינט זייער ארגאניזאציע איז געווארען א קראפט אין דער אינדוסטריע, געלערענט דעם לעססאן, אז בלויז אזא יוניאן, פאר וועלכער די באלעבאטים האבען דרך ארץ און מורא, פארדינט דעם נאמען יוניאן. א יוניאן וואס קען און דארף טיכטיג און ערנסט דינען איהרע מיטגלידער, פונקט ווי א שטאט אדער א געמיינדע, קען נים עקזיסטירען בלויז אויף די ווארימע געפיהלען פון די וואס באלאנגען צו איהר. א יוניאן [illegible] די שטענדיגע און רעגעלמעסיגע ביישטייערונג פון איהרע מיטגלידער. [illegible] איז אונזער יוניאן אימער געווען א מוסטער [illegible].

[illegible] מאמענט, אבער, איז די פליכט פון צאהלען דיוס [illegible] מיט נאך א וויכטיגער באדייטונג. איצט, [illegible] פון די לעצטע פאר יאהר, זעהען זיך שוין אויף [illegible] פון א נייער צייט אויף וועלכער אונזערע ארבייטער [illegible] שוין אזוי לאנג, ווען זייער יוניאן וועט ווידער [illegible] די קראפט [illegible] די באלעבאטים וועלען מורא האבען [illegible]. אונזערע ארבייטער קענען דיזע צייט דערנעהנטערען, [illegible] פון די וואס מען זיין פליכט לויט זיינע מעגליכקייטען [illegible]

[illegible] וואס מיר דארפען מאן גלייך, איז צו שאפען אמוניציע פאר אונזערע קעמפער. מיר מוזען באצאהלען אונזערע שולדען צו דער יוניאן און דערמיט פארשטארקען זי פינאנציעל. דאס איז א וויכטיגער טייל פון אונזער אויפבויאונגס־ארבייט, א טייל פון אונזער היסטארישער אויפגאבע, אין וועלכער אלע אונזערע אמת'ע פריינד און אקטיווע מיטארבייטער זיינען איצט אזוי טיף פאראינטערעסירט.

געכאַפּט מיט דער גנבה

אין דער פרעסע קאכט איצט מיט א נייער דורכגעפאלענער „רעוואלוציאנערער אקציע" פון די ניו יארקער קאמוניסטען. די פוירניטשור, דערצעהלען די צייטונגען, וואס די קאמיסארען האבען אוועקגעלאמכענט פון דזשאינט באארד בילדינג איידער מען האט זיי פון דארטען ארויסגעווארפען און וואס זיי האבען פארשלעפט ערגעץ אין א קאמוניסטישען קעלער אין די בראנקס, האט די יוניאן לעצטע וואך צוריק אפגענומען פון זיי מיט דער הילף פון א מארשאל.

פאר דיזע אפיס־פוירניטשור האבען די קלאוקמאכער און די דרעסמאכער מיט עטליכע יאהר צוריק באצאהלט שווערע טויזענטער דאלארס, ווען זיי האבען איינגעפיקסט די זעקס גרויסע פלארס פון דער דזשאינט באארד בילדינג. די קאמוניסטען, אבער, זיינען אין פארלויף פון די זיבען וואכען, וואס זיי האבען געהאט די פוירניטשור באגראבען אין א קעלער, ארומגעלאפען ווי פאר'סמ'טע צו געפינען עפעס א שטיקעל קאסטאמער וואס וואלט די גע'גנב'עטע ווארע ביי זיי אפקויפען, כאטש פאר עטליכע דאלאר, אבי עס זאל דער יוניאן צוריק נים אנקומען — אבער עס איז זיי נים געלונגען אזא קונה צו קריגען.

* * *

איצט זיינען די דעסקס, די טייפרייטערס און די סייפס ווידער אין רשות פון דזשאינט באארד און, לויט ווי מען גיט אונז איבער, וועלען די איינצעלנע לאקאלס, וועמעס פוירניטשור די קאמיסארלאך האבען ביז איצט געהאלטען פארכאפט, איצט עס אויך צוריקקריגען. פרעגט זיך, טאקע, וואס פאר א וועלטעל איז דאס, וואס פאר א פאראנדקעס געהען עס דא אן?

ס'טיימש, שענה'ן דען נים אונזערע קאמוניסטען טאג־איין, טאג־אויס, אז זיי גלויבען נים אין דער „בורזשואזער מאראל" — טא וואצו זאל א יוניאן מאכען אזא טאראראם ווען זייערע קאמיסארלאך טראגען זיך אפ מיט עטליכע טויזענט דאלאר האב און גוטס פון דער יוניאן און ווילען דערפון ארויסקלאפען א ביסעל קליינגעלט פאר דער „רעוואלוציע"? אלא וואס דען, עס האט זיך זיי נים איינגעגעבען? — אין דעם איז דאך אבער זייער „פראלעטארישער געוויסען" נים שולדיג. אגב, געהט עס אלעס, נעבאך, מיט'ן פומער ארונטער לעצטענס ביי דער סקעב־איידזשענסי. צו וואס מען ריהרט זיך נים צו, געהט אלעס קאפויר. אפילו מאסקווע בייזערט זיך אז מען האט אין צייט פון לעצטען קלאוק־סטרייק נים גענוג געשימפט די יוניאן, נים גענוג באשמוצט איהרע פיהרער!

* * *

פונדעסטוועגען, דענקען מיר, דארף דיזער „יוניאן פארברעכען" אזוי שטיל, אהן א פראטעסט נים דורכגעהן. מיר ערווארטען, אז די קאמוניסטישע געזינדעל זאל וועגען דיזען נייעם „זיגמאן פאגראם" אוועקשיקען א פייערדיגען רעפארט אזש קיין מאסקווע, צום סאמע קאמאינטערן, וואו עס זאל ווערען געשילדערט ווי די „רעאקציאנערע קלאוקמאכער" האבען דאס געמאכט אן אבלאווע אויף א הייליגען קאמוניסטישען קעלער אין די בראנקס און האבען פון דארט ארויסגעפיהרט זייער אייגענע פוירניטשור. און אזוי ווי די סקעב־איידזשענסי מיט איהרע גרויסע אויפטוער האבען איצט סיי ווי סיי נים קיין שטאך מלאכה, וואלט געווען א פלאן אז זיי זאלען ארגאניזירען עפעס א מיטינג אין א האל, אדער טאקע אויף יוניאן סקווער, און צוזאמען מיט זייער ביסעל אנהענגער — די עטליכע פאריערס, דזשובערס, אינשורענס אגענטען, ריעל עסטייט בראוקערס, דזשעניטארס און די פראפעסיאנעלע פארעלטערטע „חלוש־ניצעס" — ארויסדונערען א פראטעסט געגען דיזער פלוצליכער האנדלונג פון אונזער יוניאן, וואס האט זיי פשוט געכאפט מיט די „גודס" אין די הענט.

אחוץ דעם שיינט עס אונז, אז די יוניאן האט דא אויך באגאנגען דעם שרעקליכען פארברעכען פון „קלעס קאלעבארײשאן". ס'טייטש, ווי נעמט מען דאס עפעס א „קאפיטאליסטישען" מארשאל ווען מען געהט אפנעמען גע'גנב'עטע זאכען פון קאמוניסטען? עס איז קיין צווייפעל נים, דאס אויב די אנפיהרער פון דער סקעב־איידזשענסי וועלען אט דעם פונקט ריכטיג באלייכטען אין זייער רעפארט צו מאסקווע, וועלען די הערצער פון די כאווירים פון קאמינטערן עטוואס ווייכער ווערען און, ווער ווייס, פיליכט וועט נאך מעגליך זיין ארויסצוקריגען פון זיי נאך אביסעל ממתקים, וואס וועט פאר א קורצער צייט אפפרישען דעם שטארק געפאלענעם גייסט פון דער היגער געזינדעל.

דער קאַנגרעס פון דעם אַלוועלטליכען שניידער פאַרבאַנד

לעצטע וואך האבען זיך אין פאריז פארזאמעלט דעלעגאטען פון שניידער יוניאנס אין 18 לענדער, פארטרעטענדיג א מיטגלידערשאפט פון אריבער 300,000 ארבייטער, צו באהאנדלען די געמיינשאפטליכע פראבלעמען פון זייער ארבייט און פון זייער אינדוסטריע. דאס איז געווען דער נייגטער קאנגרעס פון דער אינטערנעשאנאל קלאדהינג ווארקערס פעדערײשאן.

אונזער אינטערנעשאנאל, ווי די מייסטע פון אונזערע מעמבערס ווייסען וואהרשיינליך, איז אנגעשלאסען אן דיזער פעדערײשאן. ס'איז א פאקט, אז אונזער אינטערנעשאנאל האט אין 1920 גענומען אויף זיך די איניציאטיווע ווידער אויפצולעבען די אלוועלטליכע פעדעראציע פון שניידער־ארבייטער, וואס איז כמעט ווי אינגאנצען אפגעשטארבען אין די מלחמה־יאהרען. דורך דיזער פעדעראציע איז אונזער יוניאן אויך פארבונדען מיט דער אלוועלטליכער ארבייטער־באוועגונג, דערפאר ווייל דער שניידער־פארבאנד איז דירעקט אנגעשלאסען אן דער גרויסער אינטערנעשאנאל טרייד יוניאן פעדערײשאן פון אמסטערדאם.

* * *

עס איז נאטירליך שטארק פארדריסליך וואס נים אונזער יוניאן און נים די קעפּטיקערס און נים די פאריערס אינטערנעשאנאל האבען היי־יאהר געקענט זיין פארטראטען מיט דעלעגאטען אויף דעם קאנגרעס פון די שניידער־ארבייטער אין פאריז. פרעזידענט זיגמאן האט די אורזאכע געמאכט אפענהערציג קלאר אין זיין קייבעלגראם צום קאנגרעס, זאגענדיג אז „אין די לעצטע עטליכע יאהר איז אויף אונזער ארגאניזאציע ארויפגעצוואונגען געווארען פון די קאמוניסטען א שרעקליכער ברודער־קאמף, וואס האט אונזער יוניאן זעהר אפגעשוואכט. און ביי דעם איצטיגען מאמענט, נאכדעם ווי מיר האבען באזיגט דעם קאמוניסטישען אנפאל, מוזען מיר אפגעבען אלע אונזערע קרעפטען פאר דער ווידעראויפבויאונגס ארבייט."

אלע אונזערע מיטגלידער וועלען זיכער איינשטימען מיט פרעזידענט זיגמאן און וועלען ווינשען די שניידער ארבייטער אין אייראפא אן ערפאלג־

רעפארט פון דער סאב־קאמיטע פון דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד וועגען די קלאגען געגען די באאמטע פון שיקאגא דזשאינט באארד

(שלום)

ביים פארהער האבען די באשולדיגטע דזשאינט באארד אפיסערס באהויפטעט, דאס די אזוי גענאנטע „דעפענס קאמיטע" האט בלויז באטראכט מיטלען, ווי אזוי צו שאפען פינאנציעלע הילף פאר די ניו יארקער קלאוק פריזאנערס. א טאג שפעטער אבער איז אין מארקעט פארטיילט געווארען א ליפלעט אונטערגעצייכענט פון די „יוניטי קאמיטע" וועלכע איז די זעלבע קאמיטע, וואס האט ארגאניזירט די „דעפענס קאנפערענץ" אין שיקאגא, און אין וועלכען פרעזידענט זיגמאן ווערט גע־זידעלט אלס „פאגראמשטשיק". אין ליפלעט ווערט געזאגט צווישען אנדערעס:

„כדי דער פאגראם זאל אין ניו יארק פולשטענדיג געמאכט ווערען, האט מען אראפגעבראכט די מאקגרעדיס און די וואהלס, דעם זעלבען אנטיסעמיטישען באנטש, וואס פירט שוין יאהרען לאנג א אנטיסעמיטישע העצע געגען די אידישע ארבייטער. דיזע אנטיסעמיטען זיינען אראפגעבראכט געווארען, כדי צו רעטען דעם אידישען כבוד און די אידישע ראסע.

די דאזיגע ליפלעטס זיינען פארטיילט געווארען פון מענשען, וואס זיינען איינג פארבונדען מיט די איצטיגע אפיסערס, פון דער שיקאגא דזשאינט באארד. דיזע אפיסערס האבען זיך אפילו ניט באמיהט צו סטאפען דאס פארטיילען פון די דאזיגע ליפלעטס, דאגעגען האבען זיי די פארטיילער געגעבען קוראזש פאר זייער מיאוס'ער ארבייט.

די זעלבע „יוניטי קאמיטע" האט אפילו לעצטע וואך נאך געוואגט ארויסצושיקען א לעטער צו די קלאוק מאכער אין שיקאגא, אפעלירענדיג צו זיי פאר געלד שטיצע, אין וועלכע די אינטערנעשאנאל און איהרע אפיסערס זיינען אטאקירט און פארלוימדעט געווארען. די באהויפטונג אז דיזער בריף איז געשיקט געווארען פון ניו יארק איז ניט אמת ווייל איצט ווייסט שוין אפילו א קינד אין וועג, אז דיזער לעטער איז געדרוקט געווארען אין שיקאגא. דער יוניאן לייבעל אויף דעם בריף האט דעם נומער 379, און איז א שיקאגא יוניאן לייבעל פון די פרינטערס יוניאן. די ענוועלאפס אבער ענטהאלטען דעם ניו יארקער פאסט אפיס סטעמפ, וואס באווייזט אז די בריף זיינען צוגעשיקט געווארען פון ניו יארק, און געפרינטעט און אדרעסירט געווארען אין שיקאגא, דאס באווייזט אלזא נאך אמאל קלאר, אז די פירער פון דער שיקאגא דזשאינט באארד זיינען געווען ענג פארבונדען מיט דער זעלבער קאמיטע, וואס האט געהאט די אויפגאבע און געוואגט מיט אלע געפייקטע מיטעל צו צושטערען, צו פארלוימדען און אונטערצוגראבען די אינטערנעשאנאל.

דאס וויכטיגסטע אין דיזער געשעהעניש איז דער פאקט, דאס די גאנצע מיטגלידערשאפט פון דער שיקאגאער יוניאן האט דערהאלטען דעם דאזיגען לעטער, הגם די דזשאינט באארד האט אפילו ניט געוואוסט דערפון, און קיין שום אנדערע קאנסטיטוציאנעלע קערפערשאפט, האט קיינעם ניט ערלויבט ארויסצוגעבען די אדרעסען פון די יוניאן מעמבערשיפ. פון וואנען האבען זיי אלזא דיזע אדרעסען באקומען? די יוניאן אפיסערס וואס זיינען פארבונדען מיט דיזער קאמיטע האבען געלייקענט אז זיי האבען די אדרעסען גע'גנב'עט פון דער יוניאן, הגם דער איינציגער אונטער וועמעס אויפזיכט די אדרעסען האבען זיך געפונען, איז ברודער גאלדשטיין, דער סעק. טרעזש. פון דער דזשאינט באארד, וועלכער איז באקאנט אלס אן אויסגעשפראכענער געגנער פון דיזע אלע קאמיטעס און זייער טאקטיקס.

אין דער זעלבער שיקאגא'ער אויסגאבע פון דער אזוי גענאנטער „דעפענס קאמיטע" זאגט זיך ווייטער ווי פאלגט:

„דער פאגראם אויף די טויזענטער יוניאן לייט און זייערע יוניאנס אין ניו יארק האט אויפגעבראכט די ברייטסטע קרייזען פון אונזער שטאדט. עס פיהלט זיך, אז דיזער קאמף וועט ניט שטעהן בלייבען אין ניו יארק גופא. ער שפרייט זיך אויס איבער אלע שטעדט פון לאנד און דער פארזוך פון דער שווארצער באנדע האט זיך שוין אנגעפאנגען אין דיזער שטאדט ביי די פאריערס און קלאוק מאכערס.

„דער שיקאגא'ער אפיס פון דער „יוניטי קאמיטע" רופט דעריבער א קאנפערענץ מיט'ן צוועק צו ארגאניזירען א יוניאן דעפענס וועלכע זאל האבען די אויפגאבע צו שיקען שטיצע און מאטעריעלע הילף צו די העלדישע פאריערס און קלאוקמאכערס פון ניו יארק. מאנטאג דעם 11טען יולי איז דיזע קאנפערענץ אפגעהאלטען געווארען אין רחוואלט האל. כאווערטע ליפשיץ האט ערעפענט די קאנפערענץ. מארקס פון ניו יארק האט אפגעגעבען דעם רעפארט פון דער עקזעקוטיווע פון דער „יוניטי קאמיטע". א רעזאלוציאנס קאמיטע איז געוועהלט געווארען וועלכע אנטהאלט פאלגענדע נעמען: לעווין, דאווידסאן, בערסאן, מילגרוים און גארעליק. בעת די רעזאלוציאנס קאמיטע האט זיך בעראטען, האט נאווער שוכטער גערעדט וועגען די פרינציפען און טאקטיק פון גרויסען קאמף אין די יוניאנס. דער תמצית פון שוכטערס רעדע איז געווען, אז די סאציאליסטען האבען פארראטען דעם סאציאליסטישען לאזונג „ארבייטער פון אלע לענדער פאראייניגט אייך" די באנדע פאררעטערס האבען שוין פון לאנג פארלוירען זייער אידעאל. דערפאר אפעלירט ער צו די אנוועזענדע אז מען זאל ארגאניזירען א זעלבסט פארטיידיגונג און העלפען די ניו יארקער.

„די רעזאלוציאנס קאמיטע האט אריינגעבראכט א רעזאלוציע וואס פארדאמט די רעכטע פאגראמשטשיקעס און שיקט גרוסען צו די ניו יארקער קעמפער. עס איז אנגענומען א רעזאלוציע, צו גרינדען א זעלבסט שוץ און אז אלע די יעניגע קאנען באלאנגען צו דער ארגאניזאציע, וואס פארפליכטען זיך בייצושטייערן א וועכענטליכען ביטראג מיט'ן צוועק צו העלפען די ניו יארקער. צום סוף איז געוועהלט געווארען א הונדערטער קאמיטע, וואס האט געהאט דעם צוועק צו ארגאניזירען דעם זעלבסט שוץ. די ערשטע זאמלונג האט אריינגעבראכט 150 דאל."

כדי צו געבען דער קאמיטע אפיציעלען פרעסטיזש, האט דער מענעדזשער פון דער יוניאן געשריבען א ארטיקעל מיט די זעלבע לאזונגען, אטאקירענדיג די אינטערנעשאנאל און איהרע אפיסערס.

דער מענעדזשער און אנדערע אפיסערס פון דער דזשאינט באארד האבען זיך באריהמט מיט זייער באלאנגען צו דער „פראגרעסיווער גרופע". א בולעטין ארויסגעגעבען פון דער „פראגרעסיווער א. ל. וו. י. גרופע" אין שיקאגא בעת די אונטערזוכונגס קאמיטע האט געמיטעט און געפיהרט די אונטערזוכונג, איז אונז פארגעלעגט געווארען און ענטהאלט די נידעריגסטע פארלוימדונגען, אטאקירענדיג אויפ'ן ברוטאלסטען אופן די גענעראל באאמטע פון דער יוניאן, דעם פרעזידענט פון דער אינטערנעשאנאל, און ספעציעל די אונטערזוכונגס קאמיטע פון די ג. ע. ב., ווי אויך אלע מעמבערס וואס באלאנגען ניט צו זייער פאליטישען חדר.

די אנגעקלאגטע אפיסערס פון דער שיקאגאער דזשאינט באארד זיינען דירעקט פאראנטווארטליך פאר אלע דיזע שריפטען, ארויסגאבען, און געוויסענלאזע פארלואמדונגען.

אין אן אנדערען, פאר אונז פארגעלעגטען ליפלעט, וואס איז פארשפרייט געווארען צווישען אונזערע מעמבערס, רופט מען צו א „דעפענס מונלייט פיקניק" שבת, דעם 30טען יולי, אונטערגעשריבען פון דער „אינטערנעשאנאל לעידיס גארמענט ווארקערס יוניאן דעפענס קאמיטע".

א:א מין קאמיטע איז קיינמאל ניט אוטאריזירט געווארען, הן אינדיווידועל, הן פון א קאלעקטיווער יוניאן קערפערשאפט. זי איז ארגאניזירט געווארען אויסערהאלב פון דער יוניאן, און קיינער פון די איצטיגע אפיסערס האט זיך אפילו ניט באמיהט זי צו סטאפען אדער צו פארווערען די עקזיסטענץ פון אזעלכע קאמיטעס.

א בריף פון פרעזידענט גרין פון דער א. פ. אוו ל. צו די מעמבערשיפ וועגען דעם איצטיגען צושטאנד אין דער טרייד און אין דער יוניאן איז מצד דיזע אפיסערס אינגאנצען איגנארירט געווארען.

דעם 25טען מערץ 1927 האט וויס־פרעזידענט מאליע פרידמאן איבערגעגעבען עטליכע אנווייזונגען פון דער ג. ע. ב. וועלכע זיינען ניט בלויז איגנארירט געווארען פון די אפיסערס נאר זי איז אויך עפענטליך דערפאר פארדאמט געווארען פון זיי. מיר האבען זיך אויך אפיציעל דערוואוסט, אז מעמבערס, וואס האבען אריינגעבראכט קלאגען געגען מאנכע באאמטע, וועלכע פארלעצען ארדערס און באשלוסען פון דער ג. ע. ב. און האבען געזאמעלט געלדער פאר די שונאים פון דער אינטערנעשאנאל, זיינען פון די אפיסערס פון דער שיקאגא'ער דזשאינט באארד איגנארירט געווארען. דאס איז א פשוט'ע פארגעוואלטיגונג פון אונזער קאנסטיטוציע. עס זיינען אויך אויפגעהויבען געווארען קלאגען געגען דעם מענעדזשער פון דער דזשאינט באארד, אז ער האט אויף אן עפענטליכען מיטינג, ביים יובילעאום פון דער „פרייהייט", פארלוימדעט און אטאקירט די אפיסערס פון דער אינטערנעשאנאל. דער גענעראל אפיס האט אויך באאויפטראגט דיזע קאמיטע אויסצוגעפינען די אורזאכען, פאר וואס דער $2.50 אסעסמענט, וועלכען מען האט נאך מיט צוויי יאהר צוריק ארויפגעלעגט אויף די מעמבערשיפ, כדי צו דעקען די דעפיציטען פון לעצטען שיקאגא סטרייק, און וועלכען די שיקאגא מעמבערשיפ האט שוין לאנג באצאהלט, איז נאך ביז איצט נישט אפגעגעבען געווארען צו די אינטערנעשאנאל. דער גענעראל אפיס האט זיך ניט איינמאל געווענדעט צו די שיקאגא לאקאלען דורך געוועהנליכע און דורך רעגיסטרירטע לעטערס, דערמאנענדיג זיי אן דעם חוב, די ווענדונגען פון דער אינטערנעשאנאל זיינען אבער אלעמאל איגנארירט געווארען. בלויז לעצטענס ווען זיי זיינען פארגעררופען געווארען פאר דער קאמיטע, האבען איינער אדער אפשר צוויי לאקאלען באשלאסען די איינגעזאמעלטע געלדער אויסצוצאהלען. די אפיסערס פון דער שיקאגא דזשאינט באארד האבען מיט זייער האנדלונג באוויזען, אז זיי האבען מעהר רעספעקט און פריינדשאפט פאר די וואס באקעמפען די אינטערנעשאנאל, ווי מיט די אינטערנעשאנאל גופא. זיי זיינען צו יעדער צייט בארייט צו דיסקרעדיטירען די פרינציפען און פאליסים פון די אמעריקאנישע ארבייטער באוועגונג, לטובת זייער פאליטישער פארטיי.

אלס אפיסערס פון די יוניאן האבען זיי איינגעמאנט געלדער ביי די מיטגלידער, פאר אויסזיידע קאמיטעס, מיט וועלכע זיי האבען צוזאמען קאנספירירט צו אונטערגראבען די יוניאן און איהר שטערען אין דער טעטיגקייט. דיזע האנדלונגען זיינען א אנגריף געגען די געזעצען פון אונזער אינטערנעשאנאל יוניאן. אלע דיזע באאמטע האבען אונטערשטיצט און זיך פאראייניגט מיט אלעמען וואס קעמפען געהיים און עפענטליך געגען די אינטערנעשאנאל. אזא סיטואציע פון דיסציפלינלאזיגקייט און פארראט טאר ניט און זאל ניט טאלערירט ווערען אין אונזער יוניאן. דעריבער איז די קאמיטע געקומען צו דער איבערצייגונג דאס די אפיסערס פון דער שיקאגא דזשאינט באארד זיינען שולדיג אין פארלעצען די געזעצע און אויך אין ניט נעהארכזאמקייט צו די באפעלע און באשליסע פון די ג. ע. ב., וועלכע איז די העכסטע אינסטאנץ פון אונזער יוניאן פון איין קאנווענשאן ביז צו דער צווייטער.

מיט זייער האנדלונג האבען זיי פארגעוואלטיגט די קאנסטיטוציע פון אונזער אינטערנעשאנאל און פארשוועכט זייער טרייהייטס שבועה און זייערע פארפליכטונגען צו די מיטגלידער.

פעליקס פערעל

פון פ. העלין.

מיט א קורצער צייט צוריק איז אין ווארשא געשטארבען דעם סאציאליסטישער טעארעטיקער און לאנגיאהריגער רעדאקטאר פון „ראבאטניק", דער ארגאן פון די פוילישע נאציאנאליסטען. פעליקס פערל איז צוגעשטאנען צו דער באוועגונג אין פוילען אלס זעהר יונגער סטודענט אין די 80גער יאהרען פון לעצטען יאהרהונדערט, בעת אין פוילען האט געווירקט די רעוואלוציאנערע פארטיי „פראלעטאריאט", וועלכע איז געווען פארבונדען מיט'ן איבעריגען רעוואלוציאנערען רוסלאנד, און געגלויבט, אז די רעוואלוציע אין רוסלאנד וועט צוזאמען מיט דעם רוסישען פאלק אויך פוילען באפרייען.

באלד נאך זיין אריינטרעטען אין דער באוועגונג איז אין דער פארטיי „פראלעטאריאט" אנטשטאנען א גרויסער קריזיס דורך די גרויזאמע צאריסטישע פארפאלגונגען און דורך די ארעסטען אין די 90ער יאהרען.

דיזער קריזיס איז גלייך אויך פארוואנדעלט געווארען אין א אידעאלאגישען קריזיס.

די נאציאנאלע אומגעדולד פון פערלען און זיינע פריינד האט ביי זיי אוועקגעטריבען דעם גלויבען אין שנעלען זיג פון די רוסישע רעוואלוציע, און זיי האבען געהאלטען, אז פוילען וועט א סך שנעלער באפרייט ווערען פון רוסישען יאך דורך אן אייגענעם פוילישען אויפשטאנד און דורך פארטיזאנישע קאמפען. אנשטאט וואס די פארטיי „פראלעטאריאט" האט פארבונדען פוילענס גורל מיט'ן אויסשליסליכען רוסישען פרייהייטס קאמף, האט די נייע פארטיי פ. פ. ס. איהר אנטגעגענגעשטעלט דעם לאזונג, אז „פוילען'ס אומאפהענגיגקייט וועט אויך באפרייען דעם פוילישען ארבייטער קלאס", און דער ערשטער פונקט אין'ם פראגראם פון דער נייער פארטיי, וואס פערעל האט פארפאסט, איז געווען די אומאפהענגיגקייט פון פוילען.

עס איז אלזא דערמיט געשאפען געווארען א ריין נאציאנאליסטישע אידעאלאגיע פאר'ן פוילישען סאציאליזם, וועלכע איז נאך מאסגעבענד עד היום.

פערל איז געווען א געשולטער מארקסיסט, און גלויבענדיג אין די קאמפסמעטאדען פון מערב אייראפעאישען פראלעטאריאט, וואס באנוצט זיך מיט מאסען־קאמף, האט ער געמוזט אויספשט'לען א אידעאליסטישע פראגראם, אין וועלכער ער האט פאראייניגט די מאסען קאמף מעטאדע פאר זיינע סאציאליסטישע אנשויאונגען מיט זיין פארטיזאנישע און אויפשטאנדס־מעטאדען פאר זיין נאציאנאלען פרייהייטס קאמף.

עס איז איהם טאקע געלונגען אזא פראגראם צו שאפען פאר די נייגעגרינדעטע פארטיי, און בלויז אזא פעהיגער און עלאסטישער גייסט, ווי פערעל האט געקענט יאהרען לאנג ווי נישט איז באלאנסירען מיט דיזען דאפעלטען קאמפס־סיסטעם.

נאך דער רעוואלוציע פון 1905 איז דארט אנטשטאנען א אפאזיציע, וועלכע האט פארלאנגט א רעוויזיע פון פראגראם, און אין 1906 איז די פארטיי געשפאלטען געווארען. פערעל איז געבליבען דער פיהרער פון דער רעכטער גרופע, וועלכע איז אונז באקאנט אונטער דעם נאמען „רעוואלוציאנערע פראקציע פ. פ. ס." דער רעוואלוציאנערער נאמען האט מעהרער א נאציאנאלע ווי א פאליטישע באדייטונג.

עטלאכע יאהר שפעטער, בעת דער גרינדונג פון די לעגיאנען, דורך פילסודסקי'ן און זיינע שטארק נאציאנאליסטיש געשטימטע פריינד, טרעט פערעל ארויס געגען דיזער ריכטונג מיט זיין גאנצער שארפקייט, אנווייזענדיג אויף איהר צו רעכטער און נאציאנאליסטישער נעפאהר.

דיזע איבערלייגטע שטעלונג האט איהם פארשאפט א סך אנהענגער, וועלכע האבען איהם אנערקענט אלס דעם פיהרער פון פוילישע סאציאליסטען.

בעת זיין קאמף מיט פילסודסקי'ן איז ער ארויס פון „ראבאטניק" און רעדאגירט אין לעמבערג דעם „פיאניר" און ארויסגעגעבען די צייטשריפט „קאמף".

ער האט אויך געשריבען פיעלע גרעסערע אפהאנדלונגען וועגען פאליטיק, ווי אויך פאעזיע, אונטער'ן ליטעראַרישען פסעוודאנים „רעם". אויסער פילע בראשורען, האט ער אויך געשריבען א בוך איבער דאס ווירקען פון דער סאציאליסטישער באוועגונג אין רוסלאנד.

אין'ם פרייען פוילען האבען איהם די פוילישע ארבייטער אויסגעקליבען אלס זייער דעפוטאט אין פארלאמענט, וואו ער איז די גאנצע צייט געווען דער וועגווייזער פון דער סאצ. פראקציע.

לויט זיין אפשטאמונג איז ער געווען א איד, און ווי אלע אידען אין דער פוילישער סאציאליסטישער פארטיי, איז אויך פערעל געווען א קאסמאפאליט פאר די אידען און א הייסער נאציאנאליסט פאר די פאליאקען.

פערעל איז אבער נישט געווען קיין אסימילאטאר. צוליב א קאריערע אדער פון באקוועמליכקייט וועגען, ווי די מייסטע אסימילאטארען אין פוילען.

פערעל איז געווען א דורכאויס עהרליכער און אידעאליסטישער פאליטיקער און שרייבער, ער האט באמונה שלמה געגלויבט, אז פאר די אידען איז די אסימילאציע דער בעסטער און איינציגער אויסוועג.

ער האט דערפאר ווי אם שארפסטען באקעמפט דעם „בונד", וועלכער האט דעם אידישען ארבייטער ערצויגען צו דער אלייטיגער זעלבסטשטענדיגקייט, האלטענדיג דעם בונד פאר רעגרעסיוו און איהם באשולדיגט אין סעפעראטיזם.

מיט פעליקס פערעל פארשווינדט איינער פון די עהרליכסטע און אויסערגעוועהנליך פעהיגסטע פיהרער פון לעצטען דור סאציאליסטישע אסימילאטארען, וועלכע האבען זייער גאנצען לעבען געפלעגט און געפלאנצט א פרעמדען גארטען, פארגעסענדיג דעם אייגענעם ארעמען הויף.

פעליקס פערעל, דער איד, וואס האט געשאפען דעם נאציאנאלען פראגראם פון פוילישען סאציאליזם, לויט וועמענס פלענער און קאנצעפציעס עס איז באפרייט געווארען דאס פוילישע פאלק, האט פאר אונז אידישע סאציאליסטען געפערעדינט בלויז רעזיגנאציע און אסימילאציע, נעהם פון דער וועלט צוזאמען מיט די לעצטע האפנונגען פון אסימילאציע אין פוילען.

אן ארבייטער פייער אינשורענס געזעלשאפט

פון דר. הערמאן פראנק

שוין איבער פופציג יאהר ווי אין ניו יארק עקזיסטירט א קאאפעראטיווע ארבייטער אונטערנעמונג, וועלכע איז זעהר ערפאלגרייך. דאס איז די „ווארקמענס פארניטשור פייער אינשורענס סאסייעטי" (227 איסט 84טע סטריט) — א געזעלשאפט, וואס פארנעמט זיך מיט סעקורענץ (אינשורענס) פון די מעבעל און הויזליכען אייגענטום פון די ארבייטער איבער'ן גאנצען לאנד. היינט צו טאג, ווען די טרייד-יוניאנס פארנעמען זיך מיט א סך פינאנץ-געשעפטען, ווי באנקען, אינשורענס, אינוועסטמענטס און אפארטמענט הייזער, איז שוין ניט קיין גרויסער וואונדער אנצוטרעפען א ריין-פראלעטארישען אינשורענס פלאן אויך פאר מעבעל פון די ארבייטער פאמיליעס. דאך מוז מען געדענקען, אז דיזע געזעלשאפט איז שוין טעטיג זינט 1872 און אז לויט איהר כאראקטער און געבוי, איז זי א הונדערט-פראצענטיגע ארבייטער ארגאניזאציע, מיט וועלכע עס איז זעהר כדאי זיך נעהנטער צו באקאנען.

די גרינדער פון דער געזעלשאפט זיינען געווען באוואוסטזיניגע ניו יארקער ארבייטער פון א דייטשער אפשטאמונג. זיי האבען מיטגעבראכט פון דער אלטער היים ראדיקאלע טראדיציעס און דעם הייסען גלויבען אין סאציאליסטישען אידעאל. ניט ווייניג פון זיי האבען מיט לייב און לעבען זיך אריינגעווארפען אין דער ארבייט צו פארפעסטיגען די „אינטערנאציאנאלע ארבייטער אסאציאציע" (דער ערשטער אינטערנאציאנאל), וועלכען קארל מארקס און נאך איינינע ארבייטער פיהרער האבען געגרינדעט אין לאנדאן אין יאהר 1864. מ'קען זאגען, אז דייטשע אימיגראנטען-ראדיקאלען האבען פארפלאנצט די סאציאליסטישע באוועגונג אויף דעם היגען באדען.

דער פרינציפ פון אחדות און געגענזייטיגע הילף איז דער גרונדשטיין פון דער מאדערנער ארבייטער באוועגונג, באזונדערס אויף דעם עקאנאמישען געביט; דאס הייסט, אין דער פארם פון טרייד-יוניאניזם און קאאפעראציע. די קלאסען-באוואוסטע ארבייטער אין ניו יארק האבען דעריבער, נאך מיט א יאהר 60 צוריק, געליינט די גלייכע אויפמערקזאמקייט אויף דער עקאנאמישער, ווי אויף דער פאליטישער זייט פון דעם ארבייטער-קאמף. ליידער איז אבער די אמעריקאנער סביבה ניט געווען גינסטיג פאר אן ארבייטער קאאפעראטיווער באוועגונג (קאאפעראטיווע גראסעריס און דזשענעראל סטארס), לויט דעם מוסטער פון די אנטוויקעלטע אייראפעאישע לענדער. דאך האבען יענע פיאנערען פון דער ראדיקאלער באוועגונג בסדר געטרוימט וועגען א ריין-קאאפעראטיווער ארבייטער אונטערנעמונג אויף די יסודות פון סאלידאריטעט און גלייכהייט.

די פראקטישע געשטאלט, אין וועלכער עס האט זיך פארווירקליכט זייער חלום, איז געווען די פייער פארזיכערונגס געזעלשאפט, וואס איז פון זיי בעגרינדעט געווארען אין יאהר 1872, גלייך נאך דעם אומגעהויערען פייער אין שיקאגא. יענע שרעקליכע שרפה האט פארניכטעט איבער 18 טויזענט הייזער אויף א ווערט פון 200 מיליאן דאלאר. ארום 200 נפשות זיינען אומגעקומען אין יענעם אומגליק.

באלד האבען די דייטשע ארבייטער-פיהרער אין ניו יארק אנגעהויבען א קאמפיין פאר א קאאפעראטיווער פייער-פארזיכערונגס-געזעלשאפט, וואס זאל דינען אויסשליסליך די ארבייטער אינטערעסען. איינינע מאס-מיטינגען זיינען געהאלטען געווארען אין דער בארימטער „קאסינא", אויף דעם האוז (קארנער) מאט און האוסטאן סטריט, וואו עס איז דערמאלט געווען דער דייטשער ארבייטער קווארטאל. מיט גרויס באגייסטערונג האט די מאסע גוטגעהייסען דעם פלאן פון א קאאפעראטיווער פייער אינשורענס געזעלשאפט.

צום אומגליק האט אפילו אין יענער אידעאליסטישער צייט די ניו יארקער ארבייטער באוועגונג שוין געליטען שטארק פון אינערליכע מחלוקות. דער „אינטערנאציאנאל" איז צופאלען אויף צוויי פראקציעס, די „מארקסיסטען" און „באקוניניסטען", און דער ברודער-קאמף האט שרעקליך איינגאנצען אונטערגעבראכען די ערשטע אלוועלטליכע ארגאניזאציע פון פראלעטאריאט. פון 1872 ביז 1876 איז דער זיץ פון „דזשענעראל קאונסיל" פון דעם „אינטערנאציאנאל" געווען אין ניו יארק. דאס האט בלויז [illegible] די רייבונגען צווישען די [illegible] און האט [illegible] דעם וואוקס פון דער ארבייטער באוועגונג. [illegible] איז באשלאסען געווארען איינגאנצען בטל צו מאכען דעם „דזשענעראל קאונסיל", וואס האט געפיהרט צו אן אויפלייזונג פון דעם „אינטערנאציאנאל".

צוליב די אלע אומשטענדען האט דער ניו יארקער ארבייטער אינשורענס פלאן געמאכט גאנץ ווייניג פארטשריט אין די ערשטע זיבען יאהר.

אין 1879 האט דער פייער אינשורענס פאראיין געהאט א מעמבערשיפ פון 547. די געזעלשאפט פלעגט ארבייטען שטיל און אומבאמערקט, דורך און דורך אלס א „סייד ליין" ביי איינינע פיהרער, וועלכע פלעגען שענקען אומזיסט זייער צייט און מיה.

ערשט נאך דעם יאהר 1880 האט זיך אנגעפאנגען א שנעלער וואוקס פון דער צאהל מעמבערס. אין 1887 האט די געזעלשאפט געצעהלט קארגע 4000 מעמבערס, און די סומע פון זייער אסעקורירטען אייגענטום (פארניטשור, קליידער, ביכער וכד.) האט באטראפען ארום אנדערהאלבען מיליאן דאלאר. דעמאלט האט דער קאאפעראטיווער פאראיין געעפענט א רעגולערען אפיס און איז געווארען אן אמת'ע אינשורענס געזעלשאפט מיט ברענטש אפיסעס איבער'ן לאנד.

דער ערשטער ברענטש איז געגרינדעט געווארען אין פעטערסאן, ניו דזש. שפעטער זיינען געקומען אפטיילונגען אין יאנקערס, נוארק, ניו הייווען, עליזאבעטה און אפילו אין סאן פראנציסקא.

א גרויסער פייער האט אויסגעבראכען אין פעטערסאן, ניו דזש., אין 1902, און די קאאפעראטיווע ארבייטער אינשורענס געזעלשאפט האט אויסגעצאהלט די געליטענע מעמבערס ארום 12 טויזענט דאלאר. נאך דער קאטאסטראפאלער ערד-ציטערנים און שרפה אין סאן פראנציסקא, אין 1906, האט דער שאדען פון די אסעקורירטע ארבייטער דארט באטראפען 19,800 דאלאר, וועלכע די ניו יארקער געזעלשאפט האט אויסגעצאהלט תיכף ומיד דורך איהר ספעציעלען שליח.

אין די לעצטע דרייסיג יאהר האט די געזעלשאפט געהאלטען אין איין וואקסען, און ציילט איצט איבער 47 טויזענט מעמבערס, פון וועלכע איין העלפט געפינט זיך אין ניו יארק. אין מאמענט ווען אן ארבייטער טרעט אריין אלס מעמבער און נעמט ארויס אן אינשורענס פאליסי אויף זיינע מעבעל און הויז-בעבעכעס, מוז ער איינצאהלען צו איין דאלאר אויף יעדע הונדערט דאלאר פון דער פאליסי. דיזע דיפ נעהט אין דעם „גאראנטי פאנד", וועלכער איז דער גרונד-קאפיטאל פון דער געזעלשאפט. דער דאזיגער רעפאזיט פון 1 דאלאר פער הונדערט ווערט צוריקגעצאהלט דעם מעמבער, ווען ער טרעט ארויס אדער ווערט אויסגעשלאסען פון פאראיין. ער ווערט אויך טיילוויז אויסגעצאהלט, ווען דער ארבייטער-מעמבער פארקלענערט זיין פאליסי.

פון אנפאנג פון יאהר 1927 האט די סומע פון אלע פאליסים באטראפען 47 מיליאן דאלאר; דאס מיינט, אז דער „גאראנטי פאנד" איז געווען גענויע 470 טויזענט דאלאר. חיות ווי קיינע אינטערעסט ווערט ניט געצאהלט צו מעמבערס אויף זייערע דעפאזיטס, ווערט דער גאנצער איינקונפט פון דעם קאפיטאל פארנוצט אויף צו דעקען די הוצאות און אפשפארען א רעזערוו-פאנד פון דער געזעלשאפט. בינו לבינו דארפען אלזא די מעמבערס ניט צאהלען קיין גרויסע פרעמיומס, ווייל די הוצאות (אווערהעד) ווערען געדעקט פון דעם איינקונפט פון קאפיטאל, וואס ליגט אין ליבערטי באנדס, מארטגיידזשעס א. אז. וו. די פרעמיום אססעסמענט באטרעפט א נישטיגע סומע, ווי 10 סענט פון יעדע 100 דאלאר פון דער פאליסי. פאר $1.50 ביז $2.00 קען, אלזא, אן ארבייטער, וואס איז א מעמבער פון דער געזעלשאפט, אינשורען אויף א יאהר צייט זיין באלעבאטישקייט, וועלכע באטרעפט למשל צווישען 1,500 און 2,000 דאלאר.

עס איז איבעריג צו זאגען, אז די קאמערציעלע פייער אינשורענס געזעלשאפטען, וועלכע ארבייטען בלויז צוליב פראפיט, רעכענען פיל העכערע פרעמיומס: פון 1.66 ביז 22 דאלאר אויף יעדע 1000 דאלאר, אפילו אין די שטעט, וואו עס איז דא א גוטער פייער-שוץ. וויכטיגער איז אבער דער פאקט, אז מאנכע פריוואטע קאמפאניס נעמען בכלל ניט אן קיין ארימע קליענטען, ווייל געווייגליך וואוינען אזעלכע פאמיליעס אין די „סלאמס", די פייער פאסטקעס, וואו די פייער ריזיקא איז זעהר גרויס.

די „ארבייטער פארניטשור פארזיכערונגס געזעלשאפט" מאכט ניט קיין שום אונטערשייד אין די רייטס לויט דעם סארט בנין, אין וועלכען די ארבייטער פאמיליע לעבט. די געזעלשאפט האט א „פלעט רייט" פאר אלע גלייך, וואס אנטשפרעכט איהר קאאפעראטיווען גייסט און דעם פרינציפ פון ארבייטער סאלידאריטעט.

די געזעלשאפט האט, לויט איהר קאנסטיטוציע, קיין פרעזידענט ניט. דער פינאנץ סעקרעטער איז אויך דער געשעפטס-פיהרער. ער, צוזאמען מיט צוויי קאנטראלערע, שטעלט פאר די עקזעקוטיוו קאמיטע. עס איז אויך דא א רעקארדינג סעקרעטער און אן אינוועסטיגיישאן קאמיטע פון זעקס דירעקטארס, ווי אויך ספעציעלע אונטערזוכער (אינוועסטיגייטארס), וועלכע ווערען באשטימט פון צייט צו צייט דורך דער עקזעקוטיוו קאמיטע. די הויפט-באאמטע באקומען מעסיגע געהאלטען.

די סעקרעטערע פון די ברענטשעס אין אנדערע שטעט ווערען אויסגעקליבען פון דער מעמבערשיפ אויפ'ן ארט, אבער זיי באקומען געהאלט פון דעם נאציאנאלען אפיס אין ניו יארק. די אססעסמענטס פון די ברענטשעס מוזען אריינקומען אין נאצ. אפיס, און פאר די לאקאלע הוצאות רעכענען די ברענטשעס א קליינעם טעקס פון עטליכע סענט אויף יעדע 100 דאלאר אסעקוראנץ. די געהעלטער פון די לאקאלע סעקרעטערע בייטען זיך לויט דער צאהל מעמבערס.

ווי מען קען ערווארטען, דולדען ניט די פריוואט-קאפיטאליסטישע אינשורענס פירמעס די קאנקורענץ פון דער קאאפעראטיווער ארבייטער געזעלשאפט. די קאפיטאליסטען ווירקען דער עיקר אויף די אינשורענס קאמישאנערס פון די סטייט רעגירונגען, און דיזע באאמטע טשעפען זיך צו כסדר צו קליינע פארמאליטעטען, כדי צו דערשטיקען א ברענטש פון דער קאאפעראטיווער געזעלשאפט. דאס איז געשעהן אין מאסאטשוזעטס, וואו דער קאמישאנער האט געצוואונגען די לאקאלס אפצורייסען זיך אפיציעל פון דעם נאצ. אפיס אין ניו יארק. מאראליש זיינען אבער די באציהונגען נאך ביז איצט געבליבען דיזעלבע. אין סטייט ניו העמפשייר האט מען דעם ברענטש איינגאנצען פארמאכט, און דער איינציגער עקזיסטירענדער ברענטש אין מינעסאטא ווערט באדראהט דורך דער זעלבער גזירה. דאך האט נאך די „געזעלשאפט" אפטיילונגען אין 50 שטעדט פון לאנד, וועלכע געפינען זיך אין דרייצעהן סטייטס. א גרופע פון 30 מעמבערס אין א פלאץ, וואו עס איז דא וואסערלייטונג און א פייער דעפארטמענט, קען שאפען אן אויטאנאמען ברענטש און זיך אנשליסען צו דער ניו יארקער געזעלשאפט.

ווי מען זעהט, האט די דאזיגע ערשטע קאאפעראטיווע ארבייטער אינשורענס געזעלשאפט אין אמעריקא ניט ווייניג מניעות אויף איהר לעבענסוועג. דאך האט זי אונטער זיך א פעסטען און א זיכערען פונדאמענט, וואס קומט פון דעם באוואוסטזיניגען און פון דעם טרייען דינסט די הויכע אידעאלען פון דער ארבייטער באוועגונג. עס איז שווער צו געפינען א בעסערען ביישפיל פון קאלאסאלען ערפאלג דורך דעם גייסט פון פראקטישען אידעאליזם, ווי דער איצטיגער אויסגעצייכענטער צושטאנד פון דער ניו יארקער קאאפעראטיווער פייער אינשורענס געזעלשאפט.

וואס הערט זיך אין פרעסערס לאקאל 35

פון י. וואסילעווסקי, מענעדזשער

די ברייטע מעמבערשיפ פון אונזער לאקאל ווייסט שוין, אז אונז איז געלונגען איבערצוריידען אונזער געוועזענעם מענעדזשער, בר. ברעסלאווער, אריינצוקומען צוריק אין לאקאל אלס ארגאניזער און סופערוויזער.

פון זינט מיר האבען איבערגענומען צוריק די יוניאן, און נים קוקענדיג אויף די גלענצענדע רעזולטאטען, וואס מיר האבען דערגרייכט מיט דער רעארגאניזאציע און איינשטעלען דעם לאקאל, מוז איך מודה זיין, אז סיי איך און סיי די עקזעקוטיוו באארד האבען געפיהלט, אז עס פעהלט אונז דער קלארער קאפ, דער גראדער שכל און די גוואלדיג גרויסע עקספיריענס פון א מענשען, וועלכער איז דורכגעגאנגען אלע עטאפען פון אונזער לאקאל און פון דער גאנצער יוניאן; א מענש, וועלכער קען די אינדוסטריע, וועלכער קען די באלעבאטים, וועלכער קען אזוי אויסגעצייכענט די פרעסערס. און גלייך פון דעם ערשטען טאג, וואס מיר האבען איבערגענומען דעם לאקאל, האבען מיר אנגעשטרענגט אלע אונזערע כחות צוריקצוברענגען בר. ברעסלאוו'ן.

און ווען דאס איז אונז געלונגען, האבען די לינקע, וועלכע האבען איהם אנגערופען מיט די געמיינסטע נעמען, וועלכע האבען איהם באשפינען און באשמוצט, געמעגט קומען און זעהן, מיט וואס פאר א ליבע און באגייסטערונג די פרעסערס האבען איהם אויפגענומען. איך דערמאן זיך, ווי דער פריהערדיגער מענעדזשער האט זיך באריהמט, אז ווען ער איז אריין אין אפיס, האט מען איהם געבראכט בלומען. איהר דארפט קומען אין אפיס איצט און זעהן, וואס עס הייסט בלומען! דער אפיס איז בוכשטעבליך פארטונקען אין בלומען, סיי פון גאנצע שעפער און סיי פון איינציגע פרעסערס.

גלייך פון דעם ערשטען טאג פון ברעסלאוו'ס אריינקומען אין אפיס האט זיך אנגעפאנגען א באנייטע טעטיגקייט. מיר האבען גלייך אויסגעארבייט א פלאן פון ארבייט און איהם פארגעשלאגען צו דער עקזעקוטיוו באארד. און נאכדעם ווי די עקזעקוטיוו באארד האט איהם גרינדליך דיסקוטירט און אנגענומען, האבען מיר זיך גלייך גענומען צו דער ארבייט.

מיר האבען באשלאסען צו רופען אלע קלאוק- און דרעסמאכער צו שאפ-מיטינגען. כדי צו אטענדען די שאפ-מיטינגען, האבען מיר פאררופען אלע עקזעקוטיוו באארד און אקטיווע מעמבערס, וועלכע האבען זיך פארפליכטעט צו זיין אלע אנוועזענד אין אפיס צו אטענדען די שאפ-מיטינגען.

מיר האבען באשלאסען, אז מיר מוזען, אונטער אלע אומשטענדען, אפשטאפען די פרעסערס פון ארבייטען שבת און זונטאג אומגעזעצליכע שטונדען. פאר דיזען צוועק האבען מיר ארויסגעשיקט בריף צו א גרויסען טייל פון אונזערע אקטיווע מעמבערס. העכער צוויי הונדערט מיטגלידער האבען זיך אפגערופען אויף דעם רוף, און שבת האלב נאך זיבען אין דער פריה איז די פרייוויליגע ארמיי געווען „און דהי דזשאב". מיר האבען זיי גלייך צוטיילט אין קאמיטעס מיט קעפטעינס, אונטער דער אלגעמיינער אנפיהרערשאפט פון דעם טשערמאן פון אונזער לאקאל, ברודער מעקס קאהן. צוקוקענדיג זיך מיט וואס פאר א ליבע און איבערגעגעבענהייט די ארמיי האט זיך ארויסגעלאזט איבער די שעפער אפשטאפען די פרעסערס, בין איך געקומען צו דער איבערצייגונג, אז די יוניאן איז געקומען צו זיך, אז די יוניאן לעבט, אז נאר איינציכען וועלען מיר צוריקברענגען די יוניאן צום זעלבען צושטאנד, ווי זי איז געשטאנען בעפאר די לינקע כאלאסטרע האט זי איבערגענומען און רואינירט.

די רעזולטאטען פון דעם ערשטען דרייוו אפצושטאפען פון ארבייטען שבת זיינען גלענצענדע. עס איז אונז געלונגען אפצושטאפען די פרעסערס פון די פאלגענדע שעפער: מ. קאהן, איירין פראק, ראדינגער און בורניק, בענדער און קלעפער, ראדאווסקי און קאהן, ה. געלפאנד און קא., סופרים - גארמענט קא., שווייגער בראדערס, י. קאנאוויץ, צוקערמאן, קאצמאן און פאקס, מענדעל און קא., ה. העלמאן דרעס קא., דזשיי. טריאנא, מידוואוד דרעס, פאולין דרעס, סאול דרעס, פאנט קלאוק קא., בעט-ווין דרעס קא., מ. דאפשיץ, פרידמאן און פיינער, גרייד קלאוק קא., סופיריאר גוירל קלאוק קא., ברייטבארד און לעפקאוויץ, קארנפילד און ליפנער, קאראסטאוו און מעלצער.

איצטיגעס מאל דרוקען מיר נאר די נעמען פון די שעפער, וואו די פרעסערס האבען געארבייט. דאס נעקסטע מאל וועלען מיר אויך דרוקען די נעמען און לעדזשערס פון די פרעסערס. און אזוי ארום וועלען מיר ניט נאר רופען די פרעסערס צו דער גריוועגס באארד, נאר זיי אויך צושטעלען צום שאנד-קלאץ פאר דער עפענטליכער מיינונג, אז זיי זיינען די יעניגע, וועלכע פארסקעבען דעם טרייד; און דאן, ווען צעהנדליגער און הונדערטער פרעסערס געהען ארום ליידיג און קענען קיין מאן-ארבייט ניט קריגען, שטעהען ארבייטער מיט יוניאן-ביכלאך אין זייערע קעשענעס און ארבייטען ניט נאר גאנצע וואכען, נאר אויך אווערטיים און שבת און זונטאג! מיר וועלען מאכען א סוף צו דעם, וויפיל און וואס עס זאל דער יוניאן ניט קאסטען. מיר ווארענען דארום די פרעסערס, אז ניט נאר וועלען מיר דרוקען זייערע נעמען אין די צייטונגען, ניט נאר וועלען מיר זיי רופען צו דער גריוועגס באארד און ארויפלייגען אויף זיי די גרעסטע שטראף, נאר מיר וועלען זיי אפשטאפען פון דער ארבייט און ארויס-

(שלוס אויף זייט 10)

דער רעפארטער שטעלט אפ דעם סיילסמאן

— וועלכע סיגארעט גלייכסטו אם בעסטען?

— מיוראד, — ענטפערט דער סיילסמאן.

— ווארום? — פרעגט דער רעפארטער.

— דערפאר, ווייל ווי אלע סיילסליוט ליב איך נים צו זיצען און ווארטען ביז וואנען א קאסטומער נעמט זיך אויף. איך פלעג פון דעם אמאל האבען גרויס קלעמעניש — ביז וואנען איך האב אויסגעצונען ווי אזוי א מיוראד סיגארעט שטילט איין און בארוהיגט א מענשען. איצט, אז איך זיץ און סמוק א מיוראד און ווארט אויף א קאסטאמער טוט שוין מיר נים, און די צייט איז שוין גאר נים אזוי לאנגוויליג.

— די —

יוניטי הויז

פון דער
אינטערנעשאנאל ליידיס גארמענט וואירקערס יוניאן
אין פארעסט פארק, פא.
איז שוין אפען פאר וואקיישאנס און וויק־ענדס



יעדען פרייטאג אווענט — א קעמפ־פייער מיט געזאנג פון די שענסטע פאלקס לידער אין פארשידענע שפראכען.

יעדען שבת אווענט — אן אינהאלטרייכער קאנצערט.

זונטאג אווענט — א פרייליכער טאנץ אונטערהאלט.

די יוניטי הויז איז דעם יאהר באניים מיט א סך נייע איינריכטונגען און באקוועמליכקייטען.

די יוניטי הויז האט א גרויסען טעניס קאורט, א ספעציעלען פעלד פאר אלערליי באל גיימס, א ספעציעלען טאנץ פלאץ, א לייברערי, ווי אויך פלעצער פאר פארשידענע צושטרויאונגען.

א שטענדיגער ארקעסטער וועט דעם גאנצען סיזאן משמח זיין דעם עולם.

דער רעדזשיסטריישאן אפיס איז אפען ביז 7 אזייגער אין אווענט און געפינט זיך אין 3 וועסט 16טע סט., טעל. טשעלסי 2148.

הארלעם באנק און קאמערס

2118 — 2טע עוועניו, ניו יארק
טעלעפאן לעהיי 3800-1-2-3.
בראנטש: 431 — 3טע עוו., נ. י.
טעלעפאן לעקסינגטאן 8055

די ארבייטער באנק פאר'ן ארבייטער
אלע בענקינג אפעראציעס

4½%

מאני ארדערס, קרעדיט־בריוו, דרעפטס, שיפס־קארטען, נאטארי פאבליק, סייף־דעפאזיט וואלטס

אנגעשלאסען אן דער
אטלאנטיק סטייט באנק
594 אטלאנטיק עוועניו, ברוקלין.
בראנטשעס: 182 גרייהעם עוו., ברוקלין.
108טע סט., קאר. 1טע עוועניו, נ. י.

די אידישע אגריקולטור (באראן הירש) סאסייעטי

העלפט אלע צוקונפטיגע פארמערס מיט אויסקונפט וועגען פארמערי. און ווי זיך אויך בוהיטען פון שווינדלערס, ווען איהר קויפט אייער פארם.

נים קיינע דעפאזיטס, אייער איהר באזוכט זיך מיט אונז.

אונזער ראט און טעט קאסט גארנישט, שרייבט אדער קומט פערזענליך.

אפען טעגליך אויסער שבת — פון 9 ביז 5, זונטאג — ביז 1 אזייגער.

JEWISH AGRICULTURAL SOCIETY, INC.
301 E. 14th St., New York City

לערענט דעזיינינג

איהר קענט פערדינען פון 50 ביז 200 דאלאר וועכענטליך,
נעהמט א קורס אין דער בעריהמטער

מיטשעל דעזיינינג סקוהל

פון מענ'ס, פרויען, מיסעס און קינדער קליידער און ליידיס פאר גארמענטס.
די מיטשעל סקוהל פאר דעזיינינג לערנען צו מאכען פעטערנס, גריידינג, דרייפינג און פיטען קלאוקס, סוטס, דרעסעס, קאר פאר גארמענטס און מענ'ס קליידער.
געגרינדעט איבער 50 יאהר.
די סקול האט ערווייכט

נייע אידעען, נייע סיסטעמען, בעסטע רעזולטאטען.
א קורס אין דער מיטשעל דעזיינינג סקול מיינט א בעלוינונג שטעלע און גוטע ווייזשעס.
א גוטע פראפעסיאן פאר מענער און פרויען, און עס איז זעהר לייכט זיך אויסצולערנען.
באזונדערע לעסאנס ווערן געגעבען ווערען אין אייער אייגענער שפראך, אום איהר זאלט אלעס פארשטעהן.
די באדינגונגען פאר'ן אויסלערנען זיך זיינען זעהר לייכט.
מיר זיינען די עלטסטע פעשיאן סקול אין אמעריקא און מיר פארקויפען פעטערנס און שניידען אלערליי פעטערנס.
טאג און אווענט קלאסען.
פרייע רעקאמענדיישאן אין אונזער סקוהל.

מיטשעל דעזיינינג סקוהל
15 וועסט 37טע סטריט, ניו יארק. טעלעפאן וויסקאנזין 1970.

קויפט שיך מיט דעם יוניאן שטעמפעל

מיר ווענדען זיך צו אלע מיטגלידער פון דער ארגאניזירטער ארבייטערשאפט צו קויפען שיך וועלכע האבען דעם שטעמפעל פון אונזער יוניאן אויף דעם זויל, איננווייניגסטער זויל, אדער אויף דעם לייניגנ פון שוך. מיר בעטען אייך נים צו קויפען שיך, סיידען איהר זעהט אט דעם יוניאן שטעמפעל מיט אייערע אייגענע אויגען.

BOOT & SHOE WORKERS UNION
UNION STAMP
Factory

בוט און שוה ווארקערס יוניאן

אפיליאייטעד מיט דער אמעריקאן פעדעריישאן אוו לייבאר
246 סאמער סטריט, באסטאן, מאסס.

קאליס לאוולי, גענעראל־פרעזידענט — טשארלס ל. בעין, גענעראל סעקרעטאר־טרעזשורער

פרעסער פון קלאוקס

וואגט אן אייערע באסעס אז דער פייער דעפארטמענט האט געמאכט א געזעץ, דאס קיין ווייער־ברעטלאך מאר נים ווערען צוגעשלאגען אויף האלץ אדער אנדערע ברענענדע שטאפען, עס מוז זיין דורכאויס פייער־פרוף.

מיר האבען אויסגעפיקסט אונזערע ווייער־ברעטלעך צו פרעסען וועלוועט פלאש און בעלוועט ריכטיג נאך דעם פארלאנג פון דעם פייער דעפארטמענט. אויב איהר האט אין שאפ די אלטע סטיילס, וועלכע זיינען צוגעשלאגען אויף האלץ, קענען מיר עס פאר אייך פיקסען נאך דעם נייעם געזעץ און איהר וועט נים האבען קיין טראבעל פון קיינע אינספעקטארס.

מיר פאבריצירען אויך סטימערס נאך די נייע רולס פון דעם לייבאר־דעפארטמענט.

מיר האבען אויך די בעסטע פינקינג מאשינס אין מארקעט.

די אמעריקען פלאש און וועלוועט פרעסבארד קאמפאני
321 פינפטע עוועניו, ניו יארק. טעלעפאן אשלאנד 6650 און 6651
קאונטרי ארדערס ריכטיג אטענדעט.

דער
ארבייטער רינג

איז דער גרעסטער און שטארקסטער ראדיקאלער אידישער ארבייטער ארדען אויף דער וועלט.

פארמאגט — $2,500,000.00
מיטגלידער — 83,000
בראנטשעס — 740

דער ארב. רינג שטיצט די דעם ווירטשאפטליכען עקאנאמישען און פאליטישען קאמף.

דער ארב. רינג איז דער קולטור צענטער אין דער אידישער ארבייטער באוועגונג.

דער ארבייטער רינג איז דער איינציגער אידישער ארדען, וואס האט אן אייגענעם סאניטאריום פאר זיינע קאנסאמפטיוו מיטגלידער.

מעמבערס ווערען אריינגענומען אין עלטער פון 18 ביז 45 יאהר.

אויב איהר זייט נאך נים קיין מיטגליד, שליסט זיך גלייך אן!

נאך אויסקינפטען ווענדעט זיך:

THE WORKMEN'S CIRCLE
175 EAST BROADWAY, NEW YORK, N. Y.

פארברענט די קאפאטע

(שלוס פון זייט 7)

מעלע, א יוניאן ביכעל, און שלעכט תענדביל): זעהט, איך האב נאך דעם רוף פון לעצטען אומגליקליכן קאמוניסטישען סטרייק.

מ ע נ ד ע ל: איהר הערט, מאקס, אויף אייך, א געוועזענעם „לינקען", וואונדערט מיר, צי איהר ווייסט ניט, צי איהר מאכט זיך ניט וויסענדיג, צי איהר ווילט ניט וויסען??? זיגמאן האט דאך אונטערגעשטעלט א „פיסל", ווי האט מען געקענט געווינען דעם סטרייק?

מ א ק ס (פארבינט אין זיין נאז-טיכל אלע קלייניגקייטען פון קעשענע): אט דאס איז דאך אונזער אומגליק! (מיט א פרויער-שמייכעל) — א „פיסעל", א „פי-סעל". ווייסט איהר וועמען מען שטעלט אונטער א „פיסעל" — א קינד, א נאר, א ניט ערפאהרענעם, א אידיאט, ניט קיין פיהרער. א פיהרער אז מען שטעלט אונטער א פיסעל, בארף ער זיך נאר שעמען צו דערציילען, אויב ער דערציילט עס, איז ער ניט קיין פיהרער, נאר אן אי-דיאט, אן אידיאט, דאס וואס ער איז.

מ ע נ ד ל (וויל עפעס זאגען, נאר עס עפענט זיך די טיר, דער גלעקעל צו-קלינגט זיך. ביידע, מענדל און מאקס, קו-קען ווער עס געהט).

ד ר י ט ע ס צ ע נ ע.

אין שאפ לאזען זיך אריין די איבע-ריגע ארבייטער, פארשוויצטע, מיט די רעק-לאך אויף די הענט, די היט אויף די פא-טילניצעס.

פ ע נ י: וואס זאגט איהר ניט אויפ'ן שווארצען, אויף וואלטער'ן, ווי ער רעדט ארויס זיגמאן, זיגמאן.

מ א ק ס: א גוטער מארגען, שוועסטער פעני, שוועסטער סערע.

פ ע נ י: איהר פרעסט נאך די קאפאטע?

מ א ק ס: עס איז פון נעכטיגען רעגען.

פ ע נ י: אוי איז דאס געווען א רעגען נעכטען! גאנץ בראנקס איז פארפלייצט געווארען.

מ ע נ ד ל (פאלט אריין אין די רייד): אלץ קומט פון די בראנקס. מען זאגט, זיגמאן קומט אויך פון די בראנקס.

פ ע נ י: כ'לעבען ווער עס רעדט. איהר דארפט שווייגען. איהר זייט א מענעדזשער, נעמט ארויף און אנטזאגט ארבייטער, קריגט א גאנץ יאהר „פיידע", איהר פארשטעהט...

מ ע נ ד ל: איך ארבייט דאך, קום אלע טאג אין שאפ...

פ ע נ י: א דאנק אייך אין שטערען, דערפאר טויג עס מאקע ניט. איהר אליין ארבייט און א צווייטען גיט איהר ניט קיין „טשענס" פארדינען אפילו אויף „קאר-פעיר".

(פון סעמפל רום קומט אן דער באס, א נידעריג, קוילאכדיג אידעל מיט בימרע אויגעלאך, טראגט אין האנט זיין אייגענעם אנצוג).

ב א ס (צו מענדלען): איך דארף עס-נאך היינט האבען. איך דארף נאך אין איהם היינט ארונטערטראגען פאר דזשי-נער! דו הערסט, מענדל!

מ ע נ ד ל (צו מאקס'ן): נו, מאך עס גיכער, איך דארף האבען דעם אייזען. (מאקס פרעסט גיך, ווארפט זיך איבער זיין קאפאטע).

ב א ס (קוקט זיך ארום אויף זיינע ארבייטער): זיגמאן האט א פארם... פארוואס זאל מען ניט מאכען א רעפע-רענדום, אויסגלייכען דעם סכסוך, עס איז אין אמעריקא, א דעמאקראטישעס לאנד.

מ ע נ ד ל: יא, יא. טאקע, רע-פערענדום, דעמאקראטיש.

ב א ס (צו מענדלען): שוויג. איך רייד דאך מיט זיי. (ווייזט מיט'ן האנט אויף זיינע ארבייטער): זיגמאן האט א פארם, א רייכער מאן.

מ ע נ ד ל (פאלט ווידער אריין אין די רייד): נו, יא, געווים.

(די ארבייטער שטעהען ארום פרעס-טיש, קוקען אויפ'ן באס, אויף מענדלען).

מ א ק ס (צו מענדלען): ווי איז מיר! וואס טוט מען?! איך האב פארברענט די קאפאטע!!!

מ ע נ ד ל (נעמט די קאפאטע, גייט צום פענסטער, אלע נאך איהם. באטראכט ווי א פראפעסאר א קראנקען. מאקס, שטעקט, לעקט): האסט א זילבערנעם האלבען דאלאר?

א ן א ר ב י י ט ע ר: צו קויפען א באנד, צושטייער אויפ'ן רעפענס... צו פיימען די יוניאן. (ס'לאכט).

מ א ק ס (א צורשקענער): פאר-ברענט אין גאנצע שיף...

מ ע נ ד ל: ווער האט א האל-בען דאלאר, א זילבערנעם קוואדער.

ב ע נ י (לויפט אריין פון סעמפל-רום): פאר זיבעטשען... אט גיב איך...

מ ע נ ד ל [illegible]: [illegible] האט פארברענט די קאפאטע...

ב ע נ י: זאל ער געהן צו זיג-מאנען, ווער ער איהם געבען א נייע קאפאטע.

א ש נ י י ד ע ר: א מאדנע [illegible]

זאך, אלע וואס קריגען א גאנץ יאהר פיידע זיינען געפערלאכע „לינקע"...

ב ע נ י: איך בין א סעמפעל-מאכער....

א ן א פ ר י י ט א ר (מיט רוגזה): איך האב אויך געקענט זיין אזא סעמפעל מאכער ווי דו... ווען איך וואלט אין לעצטען סטרייק געווען א שאפ טשערמאן... געלאזען סקעבען...

ב ע נ י (כאפט זיך שלאגען, עס ווערט א טומעל, אלע לויפען אן פון סעמפעל רום): דו, דו... שלאגען זיך נאר... (מאקס לויפט ארויס פון מיטען געשלעג מיט דער פאר-ברענטער, צוריסענער קאפאטע).

ו ו א ל ט ע ר (שרייט אריין פון הינטער'ן טיר): זיגמאן!

פ ע ר ט ע ס צ ע נ ע.

אלע ארבייטער גרופירען זיך אין אנ-דער ווינקעל. מענדל שטעהט און קלאפט מיט'ן אייזען אויפ'ן באס' אנצוג. מאקס באטראכט זיין קאפאטע.

פ ע נ י: איך האב שוין לאנג געזאגט, מ'דארף האבען א מיטינג, מאכען א שאפ-טשערמאן ווי אין אלע שעפער. מיט מענדלען, מיט בעני'ן און בערע וועלוולען וועט דער באס קיין קלאוקס ניט מאכען.

ב ע ר ע ו ו ע ל ו ו ע ל: וואס ווילסטו פון מיר?

ס ע ר ע: איך געפעלט דאך ניט זיגמאן.

ב ע ר ע ו ו ע ל ו ו ע ל: ווארען, איך וועל איהם געבען געלד. א פארם, א קארוסעל, א לופט-דעלופ איז נאך ווייניג פאר איהם?

מ ע נ ד ל (פון ווייטען): האט-דאגס!

פ ע נ י: אט האסטו, מענדעל און בערע וועלוועל — קאמוניסטלעך!

ס ע ר ע: בערע וועלוועל האט קיינמאל, אפילו פאר'ן סטרייק, אויך ניט געוואלט צאהלען קיין דיוס.

ב ע ר ע ו ו ע ל ו ו ע ל: איך בין א בעסערער יוניאן מאן פון דיר...

ס ע ר ע: א קאמוניסטישער יו-ניאן מאן, אהן דיוס...

א פ ר ע ס ע ר: שלאגען זיך נאר, אין א שאפ. מיר מוזען האבען א מיטינג. איך' האב ניט געוואלט איינ-ריכטען די הענט, כ'וואלט איהם געגע-בען א פליק מיט'ן פייס, ער זאל האבען צו געדענקען, דער...

ס ע ר ע: לאמיר געהן צום מי-טינג.

ד ע ר צ ו ש נ י י ד ע ר: איך אויך?

(סערע, פעני, מאקס מיט דער צוריסע-נער פארברענטער קאפאטע אין האנט).

יא, אלע דארפען געהן.

א ש נ י י ד ע ר (מיט א שמייכל): מען קען לעבען, נאר מען לאזט ניט...

אלע געהען צום עלעוויישער. אין שאפ בלייבען נאר מענדעל און בעני. בערע וועל-וועל קראצט די האלב אונטערגעשארענע באָרד. דער באס, דעזיינער און די האלב-נאקעטע מאדעל-מיידעל).

מ א ד ע ל מ י י ד ע ל (צו די פארבלייבענע): יו שוד וואָרי!

ב א ס (אביסעל צוקאכט): וואו זיי-נען זיי אוועק?

ב ע נ י: צו זיגמאנען, פאר מאקסן נאך א קאפאטע...

(דורכ'ן עלעוויישער הערט זיך די רייד פון די ארבייטער): זאל ער מאכען מיט זיי דעם סיזאן, זאל ער נייען מיט זיי די קלאוקס...

(פארהאנג).

לאקאל 82 טופט אין דזשאינט באָרד בילדינג

בר. ראזענבלאט, דער סעקרעטאר פון עקזאמינערס-לאקאל 82, מעלדעט אונז, אז דיזער לאקאל האט איצט ארייננעמופט אויפ'ן 6טען פלאר פון דזשאינט באארד בילדינג, 130 איסט 25טע סטריט.

אלע עקזאמינערס זאלען דאס אין אכט נעהמען.

וואס הערט זיך אין פרעסער לאקאל 35

(שלוס פון זייט 8)

שיקען אנדערע פרעסערס אויף זייערע פלעצער.

מיר האבען אויך באשלאסען אפצו-סטאפען די מגפה פון שטיק-ארבייט, וועלכע האט זיך פארשפרייט אין גאנ-צען טרייד. און מיר זאגען צו די פרע-סערס: סטאפט די סקעבעריי! מיר ווילען אהן רחמנות באשטראפען די, וועמען מיר וועלען כאפען ביים פאר-ברעכען די יוניאן-רולס.

מיר רופען א דזשענעראל מעמבערס-מיטינג פאר נעקסטען מאנטאג, דעם 22-טען אויגוסט, גלייך נאך דער ארבייט, אין בעטהאווען האל, 210 איסט 5טע סטריט.

מיר זיינען זיכער, אז אלע פרעסערס וועלען קומען צו דעם מיטינג. דער מי-טינג איז א זעהר וויכטיגער. א חוץ די פלענער פון דער עקזעקוטיוו באארד און די רעפארטס פון ארגאנייזער און מענעדזשער, וועט דעם מיטינג אדרע-סירען. אונזער פרעזידענט, ברודער זיג-מאן, און דער דזשענעראל-מענעדזשער פון דזשאינט באארד, ברודער האכמאן.

די עקזעקוטיוו באארד האט אויך באשלאסען א מ א נ י פ ע ס ט פאר די פרעסערס, וועלכע האבען זיך נאך ביז איצט ניט רעדזשיסטרירט, אז זיי זאלען פאר א געוויסער צייט זיך קענען רעדזשיסטרירען מיט 12 דאלאר. מיר טוען דאס, ווייל מיר ווילען, אז די עטליכע צעהנדליג פארפירטע פרעסערס זאלען האבען די געלעגענהייט אריינצו-קומען און ווערען מעמבערס אין דער יוניאן, אזוי אז אלע כחות אין דער יוניאן זאלען זיין פאראייניגט, און קיי-נער זאל ניט קענען האבען קיין טענה, אז ער וואלט געוואלט זיין מיט שלעמען צוזאמען, אבער מען רעכענט איהם אזא גרויס איינטריטס-געלט, אז ער האט ניט די מעגליכקייט צו באצאלען. דערפאר זאגען מיר צו די פרעסערס, וועלכע זיי-נען ניט רעדזשיסטרירט, אז זיי זאלען אויסנוצען די געלעגענהייט. עס איז נאר פאר א פאר וואכען, שפעטער וועלען מיר רעכענען רעגעלע איינטריטס-געלט, מיט דאקטאר-עקזאמינייש-אן.

מיר פארלאנגען אויך פון די פרע-סערס, אז אויב זיי האבען קאמפליינטס אדער ווילען זיך באראטען וועגען שאפ-אנגעלעגענהייטען, זאלען זיי זיך ווענדען אין אונזער אפיס. טוט דאס גלייך, לייגט ניט אפ און מאכט ניט אלט אייערע קאמפליינטס.

אלזא, מיר דערמאנען אייך נאכאמאל וועגען דעם מיטינג פון נעקסטען מאנ-טאג און מיר זיינען זיכער, אז איהר וועט קומען.

קלאוק, סקוירט און דרעס פרעסערס

יוניאן, לאקאל 35, א. ל. ג. וו. י. אויפמערקזאם!

א דזשענעראל מעמבער מיטינג

פון אלע פרעסערס וועט אפגעהאלטען ווערען

מאנטאג, דעם 22טען אויגוסט

6 אזייגער, גלייך נאך דער ארבייט

אין בעטהאווען האל, 210 איסט 5טע סטריט, נ. י.

פארשידענע וויכטיגע טרייד פראגען און רעקאמענדאציעס וועלען פארהאנדעלט ווערען.

פרעזידענט מאריס זיגמאן, פון דער אינטערנעשאנאל, דזשוליוס האכמאן, דזשענעראל מענעדזשער פון דזשאינט באארד און אונזערע לאקאל אפיסערס — וועלען דעם מיטינג אדרעסירען.

ברידער פרעסערס! קומט און מאכט דעם מיטינג פאר א סוקסעס.

קלאוק, סקוירט און דרעס פרעסערס יוניאן, לאקאל 35, א. ל. ג. וו. י.

מאקס קאהן, טשערמאן.

י. וואסילעווסקי, מענעדזשער און סעקרעטאר.

דזש. ברעסלאו, דזשענ. ארג. און סופערווייזער.

דרעסמאכער

מעמבערס פון לאקאל 22, א. ל. ג. וו. י.

רעגעלע סעקשאן מיטינגען

וועלען אפגעהאלטען ווערען

דאנערשטאג אווענט, דעם 25טען אויגוסט

אום האלב נאך זיבען

אין די פאלגענדע פלעצער:

בראנקס:
מעקינלי סקווער גארדענס, 1258 באסטאן ראוד (קארנער 169טע סטריט)

דאון-טאון:
בעטהאווען האל, 210 איסט 5טע סטריט.

בראנזוויל:
לייבאר לייסעאום, 219 סעקמאן סטריט.

קוני איילענד —
פיטיעס קעסל האל, 2864 וועסט 21טע סט.

שוועסטער און ברידער! ביי דיזע מיטינגען וועט אפגעגעבען ווערען א באריכט וועגען די ארבייט פון לאקאל פאר די לעצטע פאר וואכען. עס וועט אויך באריכטעט ווערען וועגען דעם ארגאניזאציאנס קאמפיין, וואס ווערט איצט אנגעפיהרט פון דעם דזשאינט באארד. דאס זיינען אלץ זאכען פון מאמענטאלער וויכטיגקייט, און מיר פאדערען אייך אויף צו באזוכען די מיטינגען. קומט און באקענט זיך מיט דער טעטיגקייט פון אונזער יוניאן. זאגט אייער מיינונג און גיט אייער הילף.

די עקזעקוטיוו באארד פון לאקאל 22,

דזש. קופער, טשערמאן.   דזש. שפילמאן סעקרעטאר.

GERECHTIGKEIT—(JUSTICE)

גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי ולא ארפה. (איוב, כ״ז, 6.) פון מיין גערעכטיגקייט האלט איך זיך שטארק, און וועל איהר ניט אפלאזען.

ארבייטער פון אלע לענדער, פאראייניגט אייך, און די וועלט וועט זיין אייערע!

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט ווארקערס יוניאן

Vol. IX. No. 34. | Friday, August 26, 1927 | פרייטאג, 26טער אויגוסט, 1927 | PRICE 3 CENTS

הונדערטער נייע וואלונטירען פון אלע לאקאלס שליסען זיך אן אין גרויסער ארגאניזאציאנס קאמיטע

ארגאניזאציאנס קאמפיין, באריכטעט בר. האכמאן, צופלאקערט זיך אויף א גאר גרויסען מאס־שטאב. — אוט־או־טאון ארגאניזאציאנס ארבייט אויך אנגעהויבען. — פרייוויליגע קאמיטע סטאפט אפ שבת הונדערטער שעפער פון דער ארבייט. — נאך פיל שעפער אראפגענומען אין סטרייק. — העדקוואטערס פון דער ארגאניזאציאנס קאמיטע, אונטער אויפזיכט פון בר. בען קאפלאן, אין דער אינטערנעשאנאל בילדינג.

דער ארגאניזאציאנס קאמפיין, וואס די דזשאינט באארד האט זיך אונטערגענומען דורכצופיהרען, ווערט איצט נאך מיט מעהר ענערגיע ווי ביים אנהויב קאמפיין פארטגעזעצט ווערען. די מאשינערי פאר דער ארבייט איז גוט ארגאניזירט, און די רעזולטאטען פון דער ארבייט זעהען זיך אן טאג־טעגליך אויף שריט און טריט.

די קאמיטעס טוען די ארבייט פלייסיג און מיט'ן גרעסטען ענטוזיאזם. עס איז ניטא קיינער איצט אין די רייען וואס זאל דעם קאמף אננעמען לייכטזיניג. יעדער איינער פון די קאמיטעס טוט זיין ארבייט מיט'ן פולען באוואוסטזיין, אז דאס איז די וויכטיגסטע אויפגאבע פון דער יוניאן ביי דיזען מאמענט, און אלעס איז גוט ארראנזשירט. קיין זאך ווערט ניט איבערגעלאזען צום צופאל. עס ווערט מיט פינקטליכקייט געמאסטען די איינענע כחות, און אין דערזעלבער צייט ווערט מיט טאקט געמאסטען די כחות פון דעם שונא, פון די באלעבאטים פון די סקעב שעפער.

לעצטע וואך האבען מיר איבערגעגעבען אין דער „גערעכטיגקייט" א באריכט דאס איבער 55 שעפער זיינען ארגאניזירט געווארען דורך די צוויי וואכען צייט פון דעם ארגאניזאציאנס דרייוו. די צאהל פון ארגאניזירטע שעפער זיינען דורך די לעצטע פאר טעג פארגרעסערט געווארען, און אויסער ריינע ארגאניזירונג טוט די ארגאניזאציאנס קאמיטע אנדערע גלענצענדע ארבייט. הונדערטער מיטגלידער, פרייוויליגע קאמי־

(שלוס אויף זייט 2).

סאקא און וואנזעטי געטויטעט ווי ארבייטער מארטירער אין עלעקטריק טשער

דער אינטערנעשאנעל דזשאינט באארד מאכט לעצטען אפיל פאר די באפרייאונג פון די צוויי פאר'משפט'ע ארבייטער. — קאמיטע פון אינטערנעשאנעל, האכמאן און אנטאניני, צוזאמען מיט דער דעלעגאציע פון אלע ניו יארקער יוניאנס, באזוכען גאוו. פולער אין לעצטען פארזוך צו רעטען די מארטירער.

ענדליך איז עס געשעהן, ענדליך, נאך 7 יאהר פון מאטערען צוויי אונשולדיגע מענשען, האט די הערשענדע מאכט פון מאסאטשוזעטס סטייט אויסגעפיהרט איהרס און זיי האבען די צוויי ראדיקאלע ארבייטער מארטירער סאקא און וואנזעטי ערמארדעט. עס האבען ניט געהאלפען קיינע אפילס פון דער גאנצער וועלט און פון דער ארבייטער באוועגונג. עס האבען ניט געהאלפען די ריזיגע ארבייטער דעמאנסטראציעס און די אפילס פון אנגעזעהענע בירגער פון לאנד, פון ריכטער, אדוואקאטען, פראפעסארען און אנדערע געלערענטע. מאסאטשוזעטס סטייט האט עקשנות'דיג געטאן וואס זי האט געוואלט; זי האט געוואלט ערמארדען די צוויי ראדיקאלע ארבייטער און האט זיי ערמארדעט!

ווי מארטירער, ווי אמת'ע אידעאליסטען, ווי בראווע קעמפער פאר אן אידעאלען צוועק זיינען די צוויי מארטירער צום טויט געגאנגען. ניט קוקענדיג אויף דעם וואס די צוויי מארטירער זיינען

(שלוס אויף זייט 10)

באסטאנער ריינקאוט מאכער ארויס אין גענעראל סטרייק

אייניגע גרויסע פירמעס שוין געסעטעלט מיט דער יוניאן. — דער רייז אין ווידזשעס אין ניו יארק געהט אריין אין קראפט נעקסטע וואך.

דער ארגאניזאציאנס־קאמפיין פון דער ריינקאוט מאכער יוניאן אין באסטאן, וואס ווערט אנגעפיהרט פון מענעדזשער גינגאלד און דעם טשערמאן פון לאקאל, פאלינסקי, האט געבראכט רעזולטאטען, און די וואך זיינען די ריינקאוט מאכער ארויס אין א גענעראל סטרייק.

אייניגע פירמעס האבען שוין געסעטעלט מיט דער יוניאן. צווישען די געסעטעלטע געפינט זיך אזא וויכטיגע פירמע, ווי, למשל, די קאסמאפאליטען. אויף דער ליסט צו סעטלען שטעהען נאך אזעלכע וויכטיגע פירמעס, און נעקסטע וואך וועלען מיר שוין זיכער האבען די געלעגענהייט איבערצוגעבען אין די נייעס אין דער „גערעכטיגקייט", אז די וויכטיגע פירמעס אין סטרייק זיינען שוין אפגעסעטעלט.

אין ניו יארק, ווידער, געהט נעקסטע וואך אריין אין קראפט דער רייז, וואס די ריינקאוט מאכער יוניאן האט לעצטענס געוואונען פאר די ארבייטער. סעקרעטער וויינגארד, וועט שבת געבען אלע אינפארמאציעס, וואס אמבאלאנגט דעם רייז, אויף א טשערמאן מיטינג, וואס ער האט פאררופען אין אפיס פון דער יוניאן.

סעקרעטער וויינגארד מאכט אויך אן אפיל צו אלע מעמבערס, וועלכע זיינען הינטערשטעליג אין דיוס, אז זיי זאלען קומען אין אפיס און גלייך באצאהלען זייערע שולדען, ווייל ס'איז זעהר נויטיג געלט פאר דער ארגאניזאציאנס־ארבייט.

דזשאינט באארד וועט אפהאלטען וויכטיגע קאנפערענץ מיט אלע אסאסיאיישאנס

דזשאבערס וועלען מוזען אויפהערען געבען ארבייט אין סקעב שעפער, ערקלערט מענעדזשער האכמאן. — פראסאנים לייבעל וועט מוזען זיין אויף יעדען גארמענט. — דר. מאסקאוויץ, דירעקטאר פונ'ם לייבעל דעפארטמענט אפעלירט צו די טשערליים און ווארענט אלע באלעבאטים, וואס היטען ניט אפ דעם אפמאך וועגען לייבעל.

אויף דעם לעצטען דזשאינט באארד מיטינג האט דזשענעראל מענעדזשער האכמאן ארויסגעבראכט דעם פאקט, אז פילע באלעבאטים, וועלכע זיינען פארפליכטעט צו דער יוניאן מיט אן אגרימענט, זוכען זיך אויסצודרייען פון פאראנטוואָרטליכקייט. דורך דעם דרייוו איז אויסגעפונען געווארען אז אייניגע יוניאן דזשאבערס גיבען ארויס זייער ארבייט צו סקעב שעפער. די סארט דזשאבערס וועט די יוניאן רופען צו פאראנטווארטליכקייט.

דער כאאס אין דער אינדוסטריע קומט דערפון, וואס עס איז פאראן א האלזשניידענדע קאנקורענץ אין טרייד, א דאנק די סקעב שעפער, וואס זיינען אנגעפלאדעט געווארען אין דער צייט פונ'ם קאמוניסטישען רעזשים אין דער יוניאן, און דורך דעם לעצטען ברודער קריג, וואס זיי האבען באשאפען. די באלעבאטים האבען זיך ארויסגעזאגט אויף די פריהערדיגע אפגעהאלטענע קאנפערענצען אז זיי וועלען זיך באציען מיט ערנסט צום ארגאניזאציאנס דרייוו און וועלען ארויסווייזען פאראנטווארטליכקייט, און וועלען געבען פולע קאאפעראציע אין'ם דרייוו, ווייל זיי זיינען פונקט ווי די יוניאן פאראינטערעסירט אז דער כאאס אין דער אינדוסטריע זאל אפגעשטאפט ווערען, און דער פאקט איז, אז דער דרייוו ווערט אנגעפירט מיט דער פולער קאאפעראציע פון דעם אומפארטייאישען טשערמאן.

עס זיינען אבער פאראן אויך טרייד באלעבאטים, וועלכע ווילען זיך פון די

(שלוס אויף זייט 10)

אינהאלט פארצייכניס

„גערעכטיגקייט" נומער 34

זייט 2. נייעס. לאקאל 9 פאסירונגען — נ. קוירטצמאן. צווישען די שיקאגא'ער פרעסער — אייב לעווין.
זייט 3. דזשאינט באארד באריכט — ב. מאזער. ביי די דרעסמאכער — דוש. ספיעלמאן.
זייט 4. דריי בריף פון יוניאן־מיטגלידער. א רעזאלוציע פון ס. פ. ברענעס.
זייט 5. מיט דרייסיג יאהר צוריק — אן אלטער קלאוקמאכער. ניט געזעהנט (מאנאלאג) — מ. ל. הערשונאוו.
זייט 6. עדיטאריעלס.
זייט 7. דער פארענדיגטער פרינציפען־קאמף מיט די קאמוניסטען — פ. קורינסקי. איבער א בונקע פון געזעץ (געליעטשן) — ז. וועהילער.
זייט 8. דער גרויסער ארבייטער־פארזאמלונג אין פראג — פ. רעמביצער.
זייט 9. א פאפש (טעסמיז) — תלוש. צוויי לידער — א. ראראוצקי.
זייט 10, 11 און 12 — שלוסען, נייעס, [illegible]

שיקאגאער ארבייטער שטעהען פעסט מיט דער אינטערנעשאנאל

לאקאלען און שעפער שווערען טרייהייט צו דער אינטערנעשאנאל און פארפליכטען זיך צו באקעמפען די קאמוניסטישע צושטערערס. — ארויסגעווארפענע קאמוניסטישע טשיפס געלינגט ניט צו קריגען די שטיצע פון די באלעבאטים טראץ אלע הנחות וואס זיי זאגען זיי צו אויף דעם חשבון פון די ארבייטער. — פעדלען אין די גאסען מיט יוניאן סטעמפס אבער קריגען ניט קיין קונים.

דער יוניאן'ס האריזאנט אין שיקאגא ווערט העלער און העלער פון טאג צו טאג. די קאמוניסטישע שדים, וואס האבען ארומגעטאנצט אין די שיקאגא'ר יוניאן לאקאלען, ווערען פון אויג פארשוואונדען. די אויסזיכטען פאר דער באפעסטיגונג פון א שטארקער יוניאן זיינען גלענצענדע און אין א זעהר קורצער צייט וועט די קלאוק און דרעסמאכער יוניאן פון שיקאגא אויסגעשטעלט ווערען אויף א זיכערען פונדאמענט, אויף א יוניאן־פונדאמענט.

אין דעם לעצטען נומער „גערעכטיגקייט" האבען מיר באריכטעט פון די שיקאגא'ר עלעקשאנס אין אלע לאקאלען און ווי די ניי־ערוועהלטע דזשאינט באארד האט איבערגענומען די פיהרערשאפט פון דער יוניאן אהן א שום פארלוסט פון צייט. א פאר קאמוניסטען האבען פרובירט צו שטערען די דעלעגאטען פון אפצוהאלטען דעם ערשטען מיטינג. זיי האבען זיך אפילו ניט אפגעשטעלט פון צו רופען די פאליס צוהילף, — זעהר א רעוואלוציאנערע מעטאדע, פארשטעהט זיך, — אבער ס'האט זיי קיין זאך ניט געהאלפען. ס'העלפט זיי ניט די פאליס, עס העלפט זיי ניט דאס בלעקסמיל־בלעטעל, די „פרייהייט". זיי זיינען פארפאלענע מענשען. אזוי ווי זיי האבען געבראכט די פאליס צום מיטינג, האט פרעזידענט זינמאן, וואס איז דעמאלט אנוועזענד געווען, געמאכט אן ערקלערונג וועגען וואס עס האנדעלט זיך דא, די פאליס האבען זיך צוריקגעצויגען און די דזשאינט באארד איז אנגעגאנגען נארמאל מיט דער ארבייט.

אין דער איבערבויאונגס - ארבייט נעמט זעהר פיל אנטייל דער ערשטער וויס־פרעזידענט נינפא און וויס־פרעזידענטין מאלי פרידמאן. זיי וועלען זיין דארטען ביז די גאנצע פארגיפטעטע אטמאספערע וועט ריינער ווערען און די יוניאן וועט איינגעשטעלט ווערען אזוי, אז פון דער קאמוניסטישער קליקע, וועלכע האבען פארגיפטעט דעם פרישען יוניאן־קוואל, וועט קיין שפור ניט בלייבען. נינפא און מאלי פרידמאן האבען די פולע שטיצע פון אלע טרייע מעמבערס פון די לאקאלען און דעם גאנצען דזשאינט באארד סטעף. זייערע רעדעס ווערען באגלייט מיט שטורמדיגע אפלאדיסמענטען.

זינט דער דזשאינט באארד אפיס איז אויסגערייניגט געווארען פונ'ם קאמוניסטישען געזינדעל איז דער אפיס פול מיט מעמבערס פון אין דער פריה ביז שפעט אין דער נאכט. זיי קומען פאר

(שלוס אויף זייט 10)

58 סלאָוס און דרעס שעפּער שוין אָרגאַניזירט אין די ערשטע צוויי וואָכען פון יוניאָן קאַמפּיין

(שלוס פון זייט 1)

פּיהרט ווערען צוגלייך אין גאַרמענט-צענטער דאַונטאַון, ניו יאָרק, אין ברוקלין, וויליאַמסבורג, בענסאָנהורסט און אין בראַונזוויל.

פילע פון די געסעטעלטע שעפּער זיינען גרויסע קלאָוק- און דרעס-פירמעס. די אינטערפּרייז פירמע פ. אי. פ. ליין, 229 וועסט 36טע סטריט, וועלכע באַשעפטיגט 60 ארבייטער, איז געצוואונגען געוואָרען צו סעטלען מיט דער יוניאָן. צווישען די אַנדערע גרעסערע שעפּער געפינען זיך: פאַרנאָלין און שוויין, 265 וועסט 36טע סטריט — 35 ארבייטער; שניידער און לאָופער, 307 וועסט 36טע סט. — 38 ארבייטער; ל. פּאַרטאָוויץ, 250 וועסט 39טע סט. — 32 ארבייטער; בענדזשאַמין לעווי און סאָן, 462 זיבעטע עוועניו — 28 ארבייטער; גאָלדשטיין און קאָהן; רעגענט קלאָוק קאָ.; ליווי דרעס קאָ. אין אַ פּאַר דרעס קאָ. איז דאָס וועלכע געשעהן.

ברודער האָכמאַן פאָדערט אויף אַלע מעמבערס צו העלפען אין קאַמף

דיזער אָנגעשטרענגטער אָרגאַניזאַציאָנס-קאַמפּיין קאָן נאָר ווערען אַן ערפאָלג מיט דער מיטהילף פון אַלע יוניאָן לייט. ברודער האָכמאַן האָט זיך דערביי געווענדעט צו אַלע מעמבערס מיט אַ אַפּיל זיך אָנצושליסען אין דעם איצטיגען דרייוו. דער אַפּיל זאָגט:

„איך דאַרף אייך ערשט ניט ערקלערען די וויכטיגקייט פון אויסראָטען די סקעב-שעפּער, וועלכע דעמאָראַליזירען די אינדוסטריע און פאַרניכטען די יוניאָן-קאָנדישאָנס, פאַר וועלכע מיר האָבען געקעמפט, געהונגערט און געליטען. דיזער אַפּיל איז ניט בלויז געווענדעט צו ארבייטער, וואָס ארבייטען אין שעפּער, וואו די יוניאָן-באַדינגונגען ווערען פאַרלעצט, נאָר אויך צו די יעניגע ארבייטער, וואָס ארבייטען אין יוניאָן-שעפּער און ווייסען פון אַנדערע שעפּער, וואו די יוניאָן-באַדינגונגען ווערען פאַרלעצט.

„עס איז קלאָר, אַז די פאַרלעצונג פון די יוניאָן-באַדינגונגען אין ניט-יוניאָן-שעפּער האָט סוף כל סוף אַ שלעכטען איינפלוס אויף דער גאַנצער אינדוסטריע און אפילו אויף די בעסטע יוניאָן-שעפּער, וועלכע זיינען געשאַפען געוואָרען מיט אַזוי פיל מי און קרבנות. עס ליגט אין'ם עקאָנאָמישען אינטערעס פון יעדען ארבייטער צו העלפען מיט אַלע זיינע כחות דער יוניאָן אין'ם איצטיגען קאַמף געגען די סקעב-שעפּער.

„ווערענד הונדערטער לאָיאַלע און אַקטיווע מיטגלידער באַטייליגען זיך איצט אין דיזען אָרגאַניזאַציאָנס-קאַמפּיין, אַפּעליר איך צו די רעגק און פייל, אַז זיי זאָלען ניט וואַרטען ביז אַ קאָמיטע קומט צו זיי, נאָר זיי זאָלען אַליין קומען אין דער יוניאָן און באַקאַנט מאַכען, וואו עס קומען פאָר פאַרלעצונגען פון די יוניאָן-באַדינגונגען.

„אַלע קאָמפּליינטס געגען דרעס-שעפּער דאַרף מען רעפּאָרטען צו די באַאַמטע פון דרעס-דעפּאַרטמענט, 130 איסט 25טע סטריט, צווייטער פלאָר, אין דער בילדינג פון דער דזשאָינט באָאַרד. אַלע קאָמפּליינטס געגען קלאָוק-שעפּער דאַרפען איבערגעגעבען ווערען אין דעם אָפיס פון לאָקאַל 9, 67 לעקסינגטאָן עוועניו, קאָר. 25טע סט., וועלכער איז נאָר וואָס איבערגענומען געוואָרען פון דער אינטערנעשאָנאַל, נאָכדעם ווי די קאָמוניסטען זיינען פון דאָרט אַרויסגעוואָרפען געוואָרען.

„העלפט אַלזאָ פאַרניכטען די סקעבנעסטען אין אונזער טרייד!"

סעטעלמענט און קאָנטראָל קאָמיטע אָרגאַניזירט פאַר די אָרונטערגענומענע ניט-יוניאָן שעפּער

(שלוס פון זייט 1)

מיטע וועט ארבייטען צוזאַמען מיט דער קאָמיטע פון דעם אָרגאַניזאַציאָנס דעפּאַרטמענט, און וועט אין דיזער באַציהונג טאָן וויכטיגע ארבייט.

מיט ברודער בענדזשאַמין קאַפּלאַן האָט דער אָרגאַניזאַציאָנס דרייוו באַקומען אַ ענערגישען טשערמאַן, וועלכער וועט געוויס העלפען מאַכען דעם קאַמפּיין פאַר אַ ערפאָלג.

דער אָרגאַניזאַציאָנס דעפּאַרטמענט רופט אַלע אַקטיווע מעמבערס זיך אָנצושליסען אין די שבת-קאָמיטעס

ברידער און שוועסטער!

יאָהרען לאַנג האָט די יוניאָן געקעמפט איינצופיהרען די 5 טאָגיגע ארבייטס-וואָך, יאָהרען לאַנג האָט עס גענומען ביז עס איז געלונגען די ארבייטער צו ערציהען פאַר דעם ערפאָלגרייכען קאַמף פון מענשליכע באַדינגונגען, און היינט ווען די 5 טאָגיגע ארבייטס וואָך איז געוואָרען אַ פאַקט אין לעבען, און קלאָוק און דרעס-מאַכער קאָנען פּראָפיטירען פון זייער אויסגעקעמפטע ערובערונגען, צוטרעטען פילע פון זיי מיט די פיס זייערע אייגענע ערובערונגען, און ארבייטען שבת אין געהיים, וואָס עס איז געגען די פּאָליסיס פון דער יוניאָן.

די יוניאָן איז ענטשלאָסען דיזע דעמאָראַליזאַציע אויסצוראָטען, עס וועט ניט געדולדעט ווערען, אַז מאַנכע ארבייטער זאָלען אַרויסנעמען דעם ביסען פון מויל פון יענע יוניאָן לייט וואָס זיינען נאָך ביז איצט אָהן ארבייט, און געהען שוין אַזוי אויך וואָכען לאַנג אַרום ליידיג. די יוניאָן האָט דעריבער צו דעם צוועק געגרינדעט אַ ספּעציעלע „שבת קאָמיטע" צו באַזוכען יעדען שבת די שעפּער.

די קאָמיטע וועט ארבייטען מיט די הילף פון די לאָקאַלס. דעריבער ווענדען מיר זיך צו אַלע אַקטיווע יוניאָן טוער, אַז זיי זאָלען אונז העלפען אין דיזער וויכטיגער יוניאָן ארבייט און קומען שבת 8 אזייגער מאָרגענס אין די דזשאָינט באָאַרד בילדינג און זיך מעלדען צום אָפיס פון אָרגאַניזאַציאָנס דעפּאַרטמענט.

אָרגאַניזאַציאָנס דעפּ. א. ל. ג. וו. י.
בענדזשאַמין קאַפּלאַן, טשערמאַן.

טאָראָנטאָ עפענט אָרגאַניזאַציאָנס-קאַמפּיין אויף אַ גרויסען מיטינג

לייבאָר ליסעאום איבערגעפּאַקט ביז אין לעצטען ווינקעל. — קעפּטעינס פאַר'ן דרייוו אָנגעשטעלט. — טאָראָנטאָ'ער לייבאָר קאָונסיל העלפט מיט ראָט און טאַט.

אויף אַן אויסערגעוועהנליך ערפאָלגרייכען מיטינג פון דער גאַנצער מיטגלידערשאַפט פון אַלע טאָראָנטאָער לאָקאַלס, אָפּגעהאַלטען דעם 10טען אויגוסט אין גרויסען האָל פון לייבאָר ליסעאום, איז אָרגאַניזירט געוואָרען אַ פולשטענדיגער אָרגאַניזאַציאָנס-אַפּאַראַט צו טאָן וויכטיגע יוניאָן ארבייט צווישען די ניט-יוניאָן שעפּער אין טאָראָנטאָער מאַרקעט.

דיזער גרויסער מיטינג איז געווען אַן אמת'ע דעמאָנסטראַציע פון קלאָוקמאַכער פאַר זייער יוניאָן. כמעט אַלע מיטגלידער האָבען אין דער באַשטימטער שעה אַנידערגעלייגט די ארבייט און מאַסענווייז זיך פאַרזאַמעלט אין דער יוניאָן'ס הויפּטקוואַרטיר, וואו דער מיטינג איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען, און זיך צוגעהערט צו די רעדנער, וועלכע האָבען דערקלערט דעם איצטיגען צושטאַנד אין טרייד און די עקזיסטירענדע צושטאַנדע אין די שעפּער, און האָבען מיט ענטוזיאַזם אונטערשטיצט די פּלענער פון דער יוניאָן, ווי אַזוי די לאַגע אין די שעפּער צו פאַרבעסערען.

ברודער פּאָליסקאָוו, דער מענעדזשער פון דעם טאָראָנטאָער דזשאָינט באָאַרד, באַשרייבט דיזען פּראַכטפולען מיטינג אין די פאָלגענדע ווערטער:

„אונזערע מיטגלידער זיינען געווען באמת שטאַרק ענטוזיאַזם, דאָס די פאַרהעלטניסע האָבען עס אויטאָמאַטיש געמאַכט, אַז פּרעזידענט זיגמאַן זאָל אָנוועזענד זיין אויף דיזען מיטינג.

„אורטיילענדיג לויט'ן גייסט, וואָס האָט געהערשט אויף דיזען מיטינג, קאָנען מיר זיכער זיין, דאָס אונזער מעמבערשיפּ איז ענטשלאָסען אויפצוהאַלטען און אויסצובויען אַ קאַמפּפעהיגע יוניאָן ביי אונז אין טאָראָנטאָ. עס איז אָהן אַ צווייפעל, אַז אונזער אָרגאַניזאַציאָנס-קאָמיטע מיינט אמת'ע „ביזנעס" און אַז זי וועט איהר אויפגאַבע פולשטענדיג ערפילען. אַ שאָד, וואָס ס'איז אוממעגליך פאַרעפענטליכען אַלע זייערע נעמען אין דער „גערעכטיגקייט". ערלויבט מיר אָבער צו דערמאָנען די נעמען פון די קאַפּטעינס, וואָס האָבען איצט איבערזיכט אויף די ניט-יוניאָן שעפּער, וואָס זיינען צעוואָרפען אין פאַרשידענע בילדינגס.

„דער מיטינג איז באמת געווען פול מיט לעבען און האָט אונז געלאָזען באַגייסטערט [illegible]

אַז עס האַנדעלט זיך איצט אין אָרגאַניזירען אין טאָראָנטאָ אַן ענגליש-שפּרעכענדער לאָקאַל פון די איינגעבוירענע ארבייטער, מיט דעם צוועק בייצוקומען די פּראָפּאַגאַנדע פון די באַלעבאַטים אין די ניט-יוניאָן שעפּער, וואָס זייען ראַסען-האַס, כדי אָפּצושוואַכען אונזער טעטיגקייט צווישען די איינגעבוירענע ענגליש-רעדענדע ארבייטער.

„דער טאָראָנטאָער לייבאָר-קאָונסיל פון דער קענעדער פעדערייש'אָן אָוו לייבאָר האָט אונז צוגעזאָגט זיין פולע הילף, מאָראַליש און פינאַנציעל, אין פאַרלויף פון דיזען וויכטיגען קאַמפּיין. דער קאָונסיל האָט אַרויסגעלאָזט אַן אַפּיל צו אַלע פראַיען קליידער-ארבייטער אין שטאָט, אויפפאָדערענדיג זיי צו העלפען דער יוניאָן אין איהר קאַמף פאַר בעסערע באַדינגונגען אין אַלע שעפּער.

„מיר זיינען אַלע צופרידען מיט דעם, וואָס ס'איז אונז געלונגען ביז איצט אויפצוטאָן, און מיר זיינען זיכער אין'ם ערפאָלג פון דעם איצטיגען קאַמפּיין, הגם עס שטעהט אונז פאָר אַ האַרטנעקיגער קאַמף. מיר זיינען אָבער אַלע בערייט דיזען קאַמף צו פיהרען, מיט דעם באַוואוסטזיין, אַז עטוואָס ווערטפולעס קומט קיינמאָל ניט גרינג אָן."

ליסט פון די אָפּען שאַפּס און די נעמען פון די קעפּטענס

סטרענד קלאָוק קאָ., בערנאַרדס לימיטעד — בעני שאַפּ; קרעסצענט קאָ. — ל. אָרנשטיק; מייפּל ליעף קלאָוק קאָ., ל. און ה. גאַרמענט קאָ. — י. גאַדיס; הערשהאָרן בראַדערס, פּרימראָוז קלאָוק קאָ. — ה. וויים; אימפּעריאַל קלאָוק קאָ. — מ. שור; גוירלס קאָוטס לימיטעד — י. ראָזענבערג און א. טייכמאַן; סופּעריאָר קלאָוק קאָ., מאָדעל-קראַפט קלאָוק קאָ. — ס. קראַיסמאַן; פעשאָן קלאָוק קאָ., דזשוניאָר מעיד גאַרמענטס, יונייטעד קאָוט קאָ., עקסקלוזיוו קלאָוק קאָ., ראָמא גאַרמענט קאָ. — ל. האָפּבערג, ג. פרידמאַן, ג. קאָהען, מ. פּראַיזער און ג. לעסטמאַן; קוואַליטי קלאָוק קאָ. — ה. שווייצער; נייש'אָנאַל יוניאָן ענד מיסעס גאַרמענט קאָ., דאָמיניאָן קלאָוק קאָ. — ס. פּאָלאַק; ביוטער קלאָוק קאָ., סנידער קלאָוק קאָ. — ה. רייגנאָלד.

בילדונגס פּראָגראַם פאַר קומענדען סיזאָן.

אונזער עדיוקיישאָנאַל דעפּאַרטמענט גיט זיך איצט אָפּ מיט פאַרפערטיגען דעם פּראָגראַם פאַר קומענדען סיזאָן. עס ווערט ניט געשפּאָרט קיין מיה צו זעהן דאָס אונזער בילדונגס טעטיגקייט פאַר קומענדען סיזאָן זאָל זיין פון גרויס נוצען און [illegible] פאַר אונזערע מעמבערס.

דאָס פיינסטע הויז... אויף דער פיינסטער גאַס אין אייער שטאָדט... איז קיינמאָל ניט ביליג... עס איז אָבער שטאַרק ווערטה עס צו באַזיצען. עס לוינט זיך אַלעמאָל צו קעמפּפען פאַר דעם בעסטען.

מיוראַד איז ניט קיין ביליגער סיגאַרעט אָבער ער איז זעהר ווינשענסווערטה. עס איז אַבסאָלוט ווערטה איהם צו האָבען—דער אויסוואַהל פון זעלטענעם טאַבאַק וואָס מיוראַד ענטהאַלט גיט אייך... אַ געשמאַק און אַראָמאַט וואָס ברענגט אויסערגעוועהנליכען פערגעניגען און צופריעדענהייט אין'ם רויכערען.

MURAD

דער אויסערגעוועהנליכער סיגאַרעט פאַר דעם אויסערגעוועהנליכען מאַן, וועלכער פיהלט דאָס ער איז בארעכטיגט צו די בעסערע זאַכען אין לעבען.